Fundusz Akcji Kolonjalnej — to przyszłość Polski!!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען (ציהונג פון דער מלוכה־לאטעריע זעה 19 זייט) היינט 22 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 120 | Łódź, Piątek 24 maja 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״א אייר תרצ״ה | № 120

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# סאוויעטיש מיליטער
# אויף דער רומענישער טעריטאריע
## זאל קענען דורכמארשירען, כדי צו קענען אטאקירען דייטשלאנד

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)
דער וויזיט פון טיטולעסקו'ן אין מאסקווא, וואס ווערט ערווארט אין חודש יוני, שטעהט אין צוזא־מענהאנג מיט'ן ברענגען צו א הסכם צווישען ביידע רעגירונגען וועגען איינשטעלען א דירעקטע באהן־קאמוניקאציע צווישען רומעניען און דעם ראטען־פערבאנד.

דער דיפלאמאטישער קארעספאנדענט פון „דיילי הערא לד" דערוויסט זיך, אז מיט טיטולעסקו'ן וועט מען אין מאסקווא אונטערהאנדלען וועגען דעם, אז רומעניען זאל ערלויבען דורכמארשירען דאס סא־וויעטישע מיליטער און דורכפליהען סאוויעטישע עראפלאנען איבער רומעניען. ווארום פוילען וועט נישט ערלויבען קיין פרעמד מיליטער דורכגעהן איהר טעריטאריע. דער איינציגער וועג, וואס בלייבט איבער די סאוויעטען, כדי צו אטאקירען די דייט־שען, איז דער וועג דורך רומעניען און טשעכאסלא־וואקיי.

### שווייצארישע תביעה וועגען די מלחמה - שאדענס
### בעגראבען דורך דער פעלקער - ליגע

זשענעווע, 23 (ספ. טעל.)
אויף דער היינטיגער פארמיטאג־זיצונג פונם ראט פון דער פעלקער־ליגע איז אויסגעהערט געווא־רען א ראפארט וועגען שוין איבער קינדער און ווע־גען קאמף מיט'ן פרויען־האנדעל. דערויף איז דורכ געפיהרט געווארען א דיסקוסיע וועגען דער מאטע־ריעלע היזקות, וואס די שווייץ האט געהאט בעת דער וועלט־מלחמה אין ענגלאנד, פראנקרייך, איטאל־יען און דייטשלאנד. די שווייצארישע רעגירונג האט געשטרעבט דערצו, אז דורך דער פערמיטלונג פונם ראט פון דער פעלקער־ליגע און דורכן האגער טריבו־נאל וועט איהר געלונגען צו בעקומען ענטשעדיגונג פאר איהרע בירגער פאר די מלחמה ענס, וועל־כע בעטרעפען אומגעפעהר קרוב 20 מיליאן פראנקס. נאכ'ן אויסהערען דעם ראפארט „פון דריי", וועלכע האבען זיך בשעתו בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון דער שווייצארישער תביעה, האט דער ראט פון פעל־קער־בונד די שווייצארישע ווענדונג אראפגענומען פון דער טאג־ארדנונג. דער שווייצארישער דעלעגאט עמפערט פון דער שטעלונג פון דער פעלקער־ליגע, האט פערגליכען די פעלקער־ליגע צו א „שעהנער סארנע מיט גראציעזע" ליניעס, וואס זענען ליידער, פערענדיגט מיט א שוואנץ פון א פיש".

### די קאמפעטענצען פונם דאנציגער הויך - קאמיסאר

זשענעווע, 23 (ספ. טעל.)
די פראגע וועגען די קאמפעטענצען פאר'ן הויך קאמיסאר פון דאנציג וועט ערלעדיגט ווערען אויף דער היינטיגער זיצונג פונם ראט פון דער פעלקער־ליגע.

### אונטערערדישע מאגאזינען פאר אויפרייס - מאטעריאלען אין ענגלאנד

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)
„רייטער דערוויסט זיך, אז די ענגלישע רעגירונג האט געזאלט אויפבויען אנ'אונטערערדישע בעהעלט־ניש פאר קריגס - עראפלאנען. דער פלאן וועט אבער נישט רעאליזירט ווערען, ווייל ער איז נישט פראקטיש. דאגעגען וועט געשאפען ווערען אנ'אונ־טערערדישער מאגאזין אויף אויפרייס - מאטעריא־לען און ברענשטאפען צו קריגס־צוועקען.
דער מיניסטער פאר'ן פליה־וועזען לארד דערדי האט ערקלערט, אז דאס פאלק האט גינסטיג אויפ־גענומען די רעגירונגס - דעקלאראציע וועגען די בעוואפנונגען פון ענגלאנד.

### מאקדאנאלד וועט דעמיסיאנירן

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)
„רייטער דערוויסט זיך, אז צוליב דער עצה פון דאקטוירים וועט פרעמיער מאקדאנאלד נאך פאר שבועות זיך אפגעבען אין דעמיסיע. זיין אמט וועט פערנעמען באלדווין.

# „אונמעגליכקייט פון א מלחמה"
## שטימונגען אין ענגלאנד נאך באלדווינס רעדע

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)
די דעבאטע אין ענגלישען פארלאמענט און אין לארדען־הויז, ווערט אין דער פרעסע היינט אפגע־שאצט אלס א גרויסער נצחון פון דער נאציאנאלער רעגירונג און בעזונדערס אלס זיג פון באלדווינען. די צייטונגען שטרייכען אונטער דעם פאקט, אז די ליי־בעראלע אפאזיציע האט געשטימט פאר דער רעגי־רונג און אז גענען פראגראם פון דער ענגלישער עקס פאנסיע אין דער לופט איז ארויסגעטרעטען בלויז די ליבאר־פארטיי.

די שטעלונג פון באלדווינ'ען אלס דעם קומענ־דיגען לידער פון דער נאציאנאלער רעגירונג, ווערט בעטראכט פאר א זעהר פערשטארקטע. מען מאכט אויך אויפמערקזאם אויף דעם, וואס באלדווין האט אנגעקינדיגט די שאפונג פון א ספעציעלער רעגירונג פאר נאציאנאלער פערטיידיגונג.
די פרעסע בעהויפטעט, אז סיר סימאן וועט אי־בערנעמען די טעקע פון נייעם מיניסטעריום און אויסערן - מיניסטער וועט ווערען אידען. אויך די אפאזיציע אין באלדווינ'ס פארלאמענט־רעדע, וואס זענען געווען נוגע היטלער'ן, האבען ארויסגערופען א גרויסע צופרידענהייט.
אין אלגעמיין גענומען, איז די שטעלונג פון דער ענגלישער פרעסע, נאך די רעדעס פון היטלערן און באלדווינ'ען, זעהר אנ'אפטימיסטישע. דער „טיימס" פיהרט אויס, אז די שרעק פאר די מעגליכ־קייטען פון א מלחמה - אויסברוך, איז ענדגילטיג פערשוואונדען.

—=—

# היינט - באלדווין, מארגען - לאוואל

בערלין, 23 (ספ. טעל.)
באלדווינ'ס נעכטיגע רעדע האט אין דער דייט־שער עפענטליכער מיינונג און אלגעמיין ארויסגערו־פען א צופרידענהייט.
דער אפיציעלער „פעלקישער בעאבאכטער" בע־גריסט די אויספיהרונגען פון ענגלישען וויצע־פרע־מיער אלס דעם ערשטען סימן פון אנ'אלגעמיינער ענטשפאנונג און גיט צו, אז באלדווין, ווי אויך די ענגלישע רעגירונג וועלען מיט דער צייט פערשטעהן, אז די דייטשע פאליטיק בעהאלט זיך נישט אונטער א נעפעל.
„דויטשע אלג. צייטונג" שטרייכט אונטער, אז די דייטשען בעציהען זיך מיט פולער אנערקענונג צו דער אפענהערציגקייט, מיט וועלכער באלדווין האט אנגעהויבען די אינערליכע ענדערונגען פון זיין אריענטאציע.
דאס וואס באלדווין האט היינט געזאגט — בע־טאנט די זעלבע צייטונג — קאן מארגען זאגען לא־וואל.
די „בערזענצייטונג" בעצייכענט באלדווינ'ס אויספיהרונגען אלס „גוט דורכגעטראכטע און פא־זיטיווע". די דייטשע פאליטיק טרעפט אן אין ענג־לאנד אויף א וואס גרעסערער פערשטענדניש.
בלויז דער „בערלינער טאגעבלאט" געהט צו פארזיכטיג צו באלדווינ'ס רעדע. פאול שעפער, זאגט אין דער צייטונג, אז ס'איז נאך נישט עוואוסט, צי ענגלאנד וועט נעמען אויף זיך די איניציאטיוו אנ־צוהויבען אלגעמיינע אונטערהאנדלונגען.

### דער מזרח - פאקט איז בעגראבען
#### די שטימונגען אין זשענעווע נאך לאוואלס אנקומען

זשענעווע, 23 (ספ. טעל.)
אין שיבות מיט'ן אנקומען קיין זשענעווע פון פראנצויזישען אויסערן - מיניסטער לאוואל, האבען זיך אנגעהויבען א רייה קאנפערענצען, אויף וועל־כע עס ווערען בעיקר בעריחרט די פראגען וועגען מזרח־פאקט און וועגען דער מיטעל - אייראפאישער קאנווענץ וועגען נישט - אינטערווענירען.
בנוגע דעם מזרח־פאקט בעטראכט מען איהם שוין אלס בעגראבען. ארום דער מיטעל - אייראפע־אישער קאנווענץ איז דערווייל נאך פארהאן א ים מיט אונקלארקייטען.

—

### פארשלאג צו ענדערן דאס פראיעקטירטע וואהל-סיסטעם
#### 500 אדער 1000 בירגער זאלען קענען ארויסשטעלען קאנדידאטען צום סיים

ווארשא, 23 (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט)
היינט איז די דיסקוסיע איבער דער וואהל־ארדינאציע נישט פארגעקומען, דער איבעררייס פון דער דיסקוסיע איז געשעהען צוליב דער נויטווענדיגקייט פון ברענגען אין איינקלאנג די רע־זולטאטען פון דער ביז איצטיגער דיסקוסיע מיט דער שטעלונג פון דער רעגירונג און בעזונדערס מיט דער שטעלונג פון פרעמיער סלאוועק. מאר־גען פרייטאג, וועט די דעבאטע פארטגעזעצט ווע־רען.
פון ענדגילטיגען בעשטימען דאס וואהל־סיס־טעם איז אפהענגיג דער טערמין פון דער אוי־סערארדענטליכער סעסיע פון סיים און סענאט, וואס אויף זייערע זיצונגען וועט דער וואהל־סיס־טעם פערוואנדעלט ווערען אין א פערפעליכטענד געזעץ
אויף די זיצונגען פון די קאנסטיטוציע־גרופען פון סיים און סענאט איז ארויסגערוקט געווארען דער פארשלאג, אז אנשטאט די קרייז־פערזאמלונגען וואס וועלען בעשטעהן פון פארשטעהער פון טערי־טאריאלע זעלבסטפערוואלטונגען, פון ווירטשאפט־ליכע און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס — זאלען קענען ארויסשטעלען קאנדידאטען אויף דעפוטאטען אויך געוועהנליכע בירגער אין א צאהל פון 500; אנ'אנדער פארשלאג פאדערט, אז 1000 און אפילו 30000 בירגער זאלען קענען ארויסשטעלען קאנדי־דאטען־ליסטעס צו די וואהלען פון סיים. די פארשלאגען זענען איצט דאס הויפט־פראבלעם פון קומענדיגען וואהל־סיסטעם.
די דאזיגע פארשלאלען זאלען דורך דעם. צאר געשטעלט ווערען דעם פרעמיער סלאוועק. נאך דער קאנפערענץ צווישען וויצע־מארשאלעק צאר און פרעמיער סלאוועק וועט בעשטימט ווערען דער טערמין פון דער אויסערארדענטליכער סיים־סעסיע. די פראגע זאל ערלעדיגט ווערען פרייטאג און זי וועט געוויס פארגעשטעלט ווערען דעם מי־ניסטארען־ראט, וואס וועט פרייטאג אפהאלטען א זיצונג.

—=—

# „העלענאָוו"! א גראַנדיעזע גאַרטען-פערוויילונג ! „העלענאָוו"

שבת, ד. 25 מאַי ד. י. קומט פאָר

**לטובת די שולען און קינדער-היימען ביים מעדעם-קוראַטאָריום אין לאָדז.**

אין פראָגראַם: 2 אָרקעסטערס. קינדער-דעפילאַדע. סימפאָנ. קאָנצערט אונטער דער לייט. פון דיר. סעוו. פּיעטרושקאַ. אַרב. און פאָלקס-מאָטיווען אויסגעפ. דורכן בלאָז-אָרקעסטער ביי דער קולטור-ליגע. מוסטער-איבונגען אויסגעפ. פון לאָדזער „מאַרגנשטערן". אויפטריט פון ציגיינער-טענצער סעמיאַנאָוו אין זיינע אָריג. טאַנץ-קרעאַציעס. רייכע פאַנטאַן-לאָטעריע מיט פיל ווערט. פאַנטן, אייגענער בילעגער בופעט א.א.

בילעטן צו 1 זל. פאַר קינדער 50 גר. צו בעקומען אין „קולטור-ליגע" זאַכאָדניאַ 68, שול, זאַוואַדזקאַ 1, אַרב. היינקל פּאָלודניאָוואַ 20 און אין טאָג פון דער פערוויילונג ביי דער קאַסע.

---

טיילט מיט דעם ג' לאָדזער פובליקום, אַז פון היינט פרייטאָג, דעם 24-טען מאַי ד. י. קומען פאָר פּיִלערליכע אויפטריטע פון

# Janina Zgorzelska, Kazia Borkowska i Edward Jaśkowski

דעם בעקאַנטען הומאָריסטישען אויטאָר פון דער פּוילישער ראַדיאָ פון דער „Wesoła Lwowska Fala"

אָנהויב פון אָרקעסטער 10 אָוונד. אָנהויב פון די אַרטיסטישע-אויפטריטען 11.30 אָוונט ביז 2 ביינאַכט. איינגאַנג פריי!

# Cafe „IDEAL"

לאָדז, פּיעטריקאָווער 48

טעל. 162-11.

---

„הסתדרות מזרחי" זאַכאָדניאַ 63. | ווילקער שוהל זאַכאָדניאַ 56.

**מאָרגען שבת**, פ' בחוקתי' פאַר קריאת התורה וועט רעדען דער דירעקטאָר פון „תחכמוני"

# ה' דוב מאַרעק

א. ד. ט.

**„פּאַרוואָס דאַרף דער רעליגיעזער יוד קויפען אַ שקל"**

---

ב"ה. די לייטונג

**פון דער 7 קלאַס. אָרטאָדאָקסישער לערן און ערציהונגס-אַנשטאַלט**

# „בית-תלמוד"

**פּיעטריקאָווער 18, וואָסקאָדניאַ 41**

טעל. 181-91

מאַכט בעקאַנט, אַז לויט דער פעראָרדנונג פון דער שול-מאַכט קומען שוין פאָר די איינשרייבונגען פון תלמידים צום נייעם שול-יאָהר 1935/36 אויך אַלע אַלטע תלמידים מוזען זיך אויפסניי דעקלאַרירען.

דער **גן-ילדים** ווערט געלייטעט דורך אַן ערשט-קלאַסיגען ספּעציאַליסט אויף דעם געביט.

די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך פון 9—1 און פון 4—7 אָוונט.

מיט אַכטונג **די לייטונג.**

---

# 7-mio kl. pryw. szk. pow. męska
# Nauka i Wychowanie
**Piłsudskiego 62, tel. 245-97**

צום נייעם שול-יאָהר ווערט געעפענט פאַר די אַב-סאָלווענטען פון VI-טער פאָלקסשול א העכערע קלאַס מיט'ן קורס פון 1-טער גימנאַזיאַל-קלאַס.

יודאַיסטישע לימודים אין אַ גרויסען מאַסשטאַב. ריטמיק. — שווימעלניצע. — ביי דער שול איז טעטיג

**א פרעבעל-שול** פאַר יונגלעך און מיידלעך.

מעסיגע פּרייזען. פאַר אונפאַרמעגליכע הנחות.

די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך פון 9 1 און 6—8 אָוונט.

**די שול-פערוואַלטונג און עלטערן-קאָמיטעט.**

---

# פּענסיאָנאַט „ווייגאַט"

**קאַלומנאַ, לובעלסקאַ № 15**

טעל. נומ' 13.

נעמט אָן געסט צו מעסיגע פּרייזען.

שטרענג כשר! די מאָדערנסטע בעקוועמליכקייטען!

---

# נאָר פאַר מענער!

דער לאַנג-עקזיסטירענדער לאָדזער ערשטקלאַסיגער ספּעציאַליסט פון הויזען איז צוריקגעקומען פון פּאַריז, ווער עס וויל טראָגען הויזען לויט דער לעצטער מאָדע דאַרף זיך ווענדען נאָר צו דעם ספּעציאַליסט פון הויזען.

**B. FAJWLEWICZ** אַלעע 1. מאַי 2, פראָנט, 1. שטאָק

רעקלאַמע פּרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!

---

טיף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפאַרגעסליכען חבר

# נ"ע שלמה זלמן מאַרטענפעלד

דריקען מיר אויס די שווער-געטראָפענע עלטערן און פאַמיליע מאַרטענפעלד אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

זייט געטרייסט מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

זיין אָנדענק וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער זכרון.

**זלמן בערקאַן**
**יצחק מאַרגוליעס**

---

# זאָל גאַנץ לאָדז וויסען!

אַז דעם גרעסטען אויסוואַהל פון

# מעבעל

— ווי: —

# שלאָפצימער, עס-צימער, גאַבינעטען

ווי אויך איינצעלנע געגענשטענדע בעקומט מען נור ביי דער איבעראַל בעוואוסטער פירמע

# ח. ראָזניק

**לאָדז, 44 גדאַנסקאַ 44**

טעל. 162-56.

רעעל, שטאַרק און ביליג!

---

# פּענסיאָנאַט שער

**גלאָוונאָ-נאָווי-אָטוואָצק** טעל. 26 פּאָסט-פאַך 6

טיילט מיט איהרע ג. געסט, אַז היי-יאָהר איז דער פּענסיאָנאַט גענצליך רעמאָנטירט לויט די נייעסטע פאָדערונגען פון רעגירונגס-היגיענישען אַנשטאַלט.

ליכטיגע, זוניגע צימערן, וואַסער, טעראַסע, ראַדיאָ, פּערשירענע געז. פערוויילונגען, ספּעצ. עס-זאַל א.ז.וו.

שטרענג כשר'ע קיך! צוגענגליכע פּרייזען!

---

W dniu 30 maja r. b. o godzinie 11 rano w ogródku „TIVOLI" przy ulicy Przejazd, odbędzie się urządzony przez Izbę Rzemieślniczą w Łodzi,

**Pierwszy wielki LETNI POKAZ MODY**

Udział w pokazie biorą największe firmy łódzkie.

Bilety wejścia w cenie **zł. 3.—**

---

# אַכטונג, מיטגלידער פון שוסטער-צעך

**פּאָלודניאָווא 22.**

אין צוזאַמענהאַנג מיט די בעפאָרשטעהענדע וואַהלען פון אַ סטאַרשי, פּאָדסטאַרשי און אַ פערוואַלטונג, רופט די רעאָרגאַניזיר-קאָמיסיע אַלע חברים מיטגלידער צו רעגולירען דעם מיטגלידס-ביטראַג און זיך איבערצורעגיסטרירען, כדי ביי די נאָהענטסטע וואַהלען צו האָבען וואַהל-רעכט און עווענטועל געוועהלט צו ווערען אין דער פערוואַלטונג. די איבעררעגיסטראַציע קומט פאָר יעדען זונטאָג און מיטוואָך אין לאָקאַל פון צעך פון 8 ביז 10½ אָוו.

**די רעאָרגאַניזיר-קאָמיסיע**

פּאָלודניאָווא 22.

בעמערקונג: די איבעררעגיסטראַציע וועט דויערן 14 טעג ד. ה. ביז'ן 10-טען יוני 1935.

---

# שפּאַרט געלד

**דורך קויפען רעעלע סחורה צו די ביליגסטע פּרייזען**

לאָזט זיך נור ביי דער פירמע

# „באַרון"

**לאָדז, נאַוואָמיעסקאַ 30 טעל. 210-58**

וועלכע איז די איינציגע

**ביליגע און רעעלע קוועלע**

# פון גוטען קידוש-וויין

ביז די געשמאַקסטע פאַלעסטינער, אונגאַרוויינען, ווי אויך אַלע סאָרטען

**ליקער, בראַנפען'ס און מעהל**

---

# נאָכ'ן אַרויסציהען דעם מיליאָן.

די גרויסע צאָהל שפּילער פון דער מלוכה-לאָטעריע האָבען זיך שוין געכאַפּט דערוואוסט פון דער נאָכמיטאָג-פרעסע ווי אויך פון דער ראַדיאָ-טראַנסמיסיע, אַז דער מיליאָן איז געפאַלען אויפ'ן נומער 87.111, וועלכער איז פערקויפט געוואָרן אין איינער פון די קראָקעווער קאָלעקטורען.

די, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט דעם פערלויף פון דער ציהונג, האָבען געוויס בעמערקט, אַז דער ערשטער פון די אַרויסגעצויגענע לאָזען איז געווען דער נומער 122,001; היות עס האָט זיך איבער אַרויסגעוויזען, אַז אויף דעם נומער איז געפאַלען אַ געווינס פון 2,000 זל. און דער מיליאָן — אין הסכם מיט'ן פּלאַן — פאַלט אויף אַזאַ נומער, אויף וועלכען עס איז אין לעצטען טאָג פון דער ציהונג געפאַלען דער קלענסטער געווינס, ד. ה. 200 זל, — האָבען די יתומה'דיגע צום צווייטען מאָל אַרויסגעצויגען פון ראָד דעם נום. 87.111, וועלכער ענטשפּרעכט דעם אויבענדערמאָנטען געזעץ.

א דאַנק דעם וועלען, נאָך דער געזעצליכער פאָראָרדנונג, בעקומען צו 200,000: פּרויי ע. פון וואָלבראָם, אַ אַרבייטערין פון דער דאָרפיגער פאַבריק פון גומי-אויסאַרבייטונגען, די ה"ה פ. פון מקטעלע הינטער אויצוו, י. פון קראָקע און פ. פון זשגערזש אויף הילענשטשיונע.

דאָס זענען געווען ביז געכטען מענשען אומפערמעגליכע, וועלכע פּלעגען זיך אויסהאַלטען פון אַרבייט היינט, פערדאַנקענדיג דער מלוכה-לאָטעריע, בעזיצט יעדער פון זיי אַ געזיכערטע און בעקוועמע עקזיסטענץ.

פון מאָרגען הויבט זיך אָן די פּירטעניגע ציהונג פון די פּרעמיע-געווינסען. דאָס וועט ערמעגליכען ציהנער טויזענטער פערזאָן אַ אומזיסטע שפּיל צו דער 1-טער קלאַס פון דער 33-טער לאָטעריע.

אפשר וועט דאָס זיי ברענגען גליק, בעזונדערס, ווען די 33-טע לאָטעריע, אומאָפּהענגיג פון די געמעהנליכע ציהונגען אין די 4 קלאַסען, זעהט נאָך פאָראויס אַ אומזיסטע גוויאַזדקע-ציהונג מיט 1617 געווינסען אויף דער אַלגעמיינער סומע פון 370,000 זל.

---

# Prywatna Szkoła Powszechna Męska i GIMNAZJUM MĘSKIE

**z prawami Szkół Państwowych**

Tow. Szerzenia Oświaty i Wiedzy Techn. Wśród Żydów w Łodzi

**Pomorska 46-48, tel. 106-64.**

עס ווערען אָנגענומען שילער צום נייעם שול-יאָהר. די יודישע לימודים ווערען געלערנט אין אַ ברייטען מאַסשטאַב. אין דער פאָלקס-שולע איז דער שכר-לימוד **15 זל. א חודש.**

די קאַנצעלאַריע איז טעטיג פון 9—12 בייטאָג.

---

דאָס בעוואוסטע

# טוך און קאַרט-געשעפט פון M. TAZBIR

**לאָדז, פּיעטריקאָווער 23,** פראָנט II שטאָק טעל. 226-39

טיילט מיט, אַז צום קומענדען פריהלינג-סעזאָן בעזיצט איך אויף לאַגער אַ גרויסען אויסוואַהל פון די נייעסטע און מאָדערנסטע

# הערען און דאַמען-שטאָפען

פון די בעסטע **בּיליצער** און **טאָמאַשאָווער סחורות**

צו די ביליגסטע פּרייזען.

ספּעציעלער אויסוואַהל פון **רעשטען** וואָס מען פערקויפט מיט **30%** ביליגער

געדענקט די אַדרעס! רעעלע און סאָלידע בעהאַנדלונג!

---

ערשטקלאַסיגער

# הערען-שניידער אַטעליער
# Bracia GRANAS

**36 זגערזשער גאַס 36**

אין הויף, 2-טער איינגאַנג, 2-טער שטאָק.

נעהמט אָן אַלעראַרט בעשטעלונגען ווי: אַנצוגען, סמאָקינגען, פּאַלטענס, לויט די נייעסטע מאָדעלען, פון אייגענע און אויך אָנפערטרויטע סחורות. צו צוגענגליכע פּרייזען.

---

# פעראייניגטער קאָמיטעט פון די לאָדזער יתומים-הייזער

לויט'ן אָפּמאַך מיט דער געז. „צענטאָס" אין וואַרשאַ האָבען מיר די מעגליכקייט אַרויסצושיקען אַ בעדייטענדע צאָהל

# קינדער אויף ערהאָלונג נאָך מעדזשעשינעק

**געגען אַב'אָפּצאָהל פון 90.— זל.**

אין דעם אָפּצאָהל איז שוין אָריינגערעכענט רייזע-הוצאות אַהין און צוריק, 4 וואָכענטליכער אויפהאַלט, בעקעסטיגונג, בעדער, ערצטליכע הילף.

די קינדער געפינען זיך די גאַנצע צייט אונטער דער אויפזיכט פון רוטינירטע ערציהער. קינדער ווערען אָנגענומען פון 6 ביז 14 יאָהר. איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען אין ביוראָ פון פערמע, אין איגטערנאַט, לאָדז, הילינסקי-גאַס 105 יעדען זונטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך פון 6,30 ביז 9 אָוונד, פרייטאָג — פון 3-7 אָוונד.

פאָרזיצענדער פון קאָמיטעט מ. ח. רוטקאָווסקי.

ארב. געז. פאַר פיזישער דערציהונג
„מאָרגענשטערן“
איז פוילען.
אָפּטיילונג אין לאָדזש.

שבת, דעם 1-טען יוני ה. י. 5 נאָכמיטאָג קומט פאָר אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ „העלענאָוו“
א גרויסער זומער טורן- און ספּאָרט-פּעסט
אין פּראָגראַם: אויפמאַרש פון 300 ספּאָרטלער. אַלגעמיינע פריי-איבונגען, איבונגען מיט בעלקעס, שוועדישע בענק, טישן, פּלאַנקעס, פּיילען און אַנדערע מכשירים. אויפטריט פון א גרופּע פון 30 טויב-שטומע, איבונגען אויף מכשירים, מאַסן-פּיראַמידן, ספּאָרט-טענץ. די איבונגען ווערן בעגלייט דורכ'ן אָרקעסטער פון קולטור-ליגע אונטער דער לייטונג פון ה' זאַקס. — לייטונג פון פעסט – אינסטרוקטאָרען-קאָמיסיע ביים לאָדזער „מאָרגנשטערן“. בילעטן צום פּרייז פון 55 גר. ביז 1.50 צו בעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון „מאָרגנשטערן“ פּאָלודניאָווע 36, אַרבייטער-ווינקעל פּאָלודניאָווע 20, „קולטור-ליגע“ זאַכאָדניאַ 68.

כשר | איבערראַשענדע נייעס!!! | היגיעניש
דער גוט-בעקאַנטער
„RAJ“ פּענסיאָנאַט
JURKIEWICZA, tel. 27
אין ווישניאָווא גורא אין זייבערדס שענסטען פּלאַץ
איז טעטיג און נעמט אָן געסט.
מיר עמפּפעהלען די ג' געסט: טרוקענע, זוניגע צימערן מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען. — די קיך געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון רוטינירטע קרעפטן.
קאָנקורענץ-פּרייזען! סאָלידע בעדינונג!
אינפאָרמאַציעס ווערן ערטיילט אויפ'ן אָרט.

כלאָרניא-דאַנסינג
„ALHAMBRA“
10 פּאָלודניאָווא 10 איז שוין טעטיג.
אין וואָכען-טעג — דאַמען אומזיסט.
קאָנסומציע פאַר הערען אין וואָכען-טעג 65 גראָשען
„ „ „ שבת און זונטאָג 85

ווען פּאַלעסטינא איז וואָהנזיניג...
אילוסטרירטער וואָכען-זשורנאַל
„Przegląd Palestyński“
№ 6 סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן און כראָניק
12 זייטען. 20 גראָשען.

אויפפאָדערונג.

דערמיט פאָדערן מיר אויף דעם ה' שערמאַן צוצושטעלען דעם פּעראַיינס-קאַסירער דאָס שוין אָפּגערעכנטע אינקאַסאָ-געלט זייט דעם 15-טען ה.ה. ביז דעם 20-טען ה. ה. 146,50 זל. ווי אויך די איינקאַסירטע געלטער זייט דעם 20-טען ה. ה. אין פערלויף פון 3 טעג.

די פערוואַלטונג פון קאָנפעקציע-מאַגאַזין-שניידער-מייסטער (כאַלופניקעס) פעראיין פּל. וואָלנאָשטשי 7.

פאָרז. ברייטשטיין
סעקר. מ. מינץ

אכטונג, העלבער-שעכטער!

דאָנערשטאָג, דעם 30 מאַי ד. י. 6 א זייגער נאָכמ. צום 1-טען טערמין און 9 אָוונד צום 2-טען טערמין קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, פּאָדזשעטשנאַ 10, די יעהרליכע

גענעראַל-פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידענדען און אַסעסאָרען, 3) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעוו.קאָמיסיע, 4) ענדערן די סטאַטוטען, 5) פרייע פאָרשלאָגן.

אַלע מיטגלידער ווערן געבעטען צאָהלרייך און פּינקטליך צו ערשיינען.

1116 די פערוואַלטונג

פּלאַכשטריק-מאַשינען אויף סוועטערס און הענדשקעס, רונדרענדער - מאַשינען פולאויטאָמאַטיש, גומי- און רינגעל-אַפּאַראַטען זאָווי זעמטליכע אומאַרבייטונג פון פלאַך- און רונדשטריק-מאַשינען פערטיגט אויס אין דער בעסטער אויספיהרונג
F·ma L. QUIRAM, Łódź, Przejazd 72, tel.266·51
מעכאַנישע שלאָסעריי פאַר שטרימף-און טריקאָטאַזש-אינדוסטרי

מעטאַל-בעטען
מאַטראַצען אַלער אַרט
קינדער-וועגעלעך
אין א רייכען אויסוואַהל
וויזשימאַטשקעס, אייז-קאַסטענס, פעלד-בעטען פּאַטענט „Perfekt“ א. ד. גל. קויפט מע אַמביליגסטען אין דער עלטסטער און רעעלסטער פירמע
J. B. WOŁKOWYSKI
עקזיסטירט פון יאָהר 1896
פאַבריקס-לאַגער:
לאָדז, נאַרוטאָוויטשאַ 11
טעל. 137-70
געדענקט דעם אַדרעס!
ספּעצ. רעפּעראַטור-וועַרקשטעל און לאַקירער
ס'ווערן אויסגעבאַרגט בעטלעך אויף זומער-וואוינונגען

Z prawami gimnazjów państwowych
Gimnazjum Męskie
i SZKOŁA POWSZECHNA
I. KACENELSONA
43 Zawadzka 43, telefon 151-79
אָנמעלדונגען פון נייע שילער נעמט אָן די קאַנצעלאַריע פון 9 ביז 2 פאַרמ. און פון 5 ביז 7 נאָכמיטאָג.
אין פרעבעל-שולע (גן-ילדים)
ווערען אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 4 יאָהר.
די דירעקציע.

צום פריהלינג
שיך
די לעצטע מאָדעלען
עמפּפעהלט
SALON OBUWIA
A. OGÓREK
Łódź, Zawadzka 11, tel. 202-86.
בעמערקונג: ספּעציעלע אָפּטיילונג פון מענער-שיך אין א גרויסען אויסוואַהל.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער געעהרטע פּרעזעסאָווע פון פרויען-קאָמיטעט פרוי

ראָכעלאַ גאָלדענבערג

צו דער האָכצייטס-פייערונג פון איהר ליבען זוהן

בעניעק מיט פרל. העלאַ פרענקעל

די פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים“
דאָס פרויען-קאָמיטעט „ „
די ווירטש. קאָמיסיע „ „

צו דער פאַרלאָבונג פון אונזער חשוב'ן מיטגליד

יצחק טענענבוים
מיט פרל. זלאַטע ליכטענשטיין

ווינשען א הערציגען מזל טוב
חברה „הדרת בחורים“
לאָדז, מלינאַרסקאַ 8.

אונזער ליבען פריינד
בעניעק רוטמאַן
צו דער חתונה מיט פרל.
העלאַ פרענקעל
די הערציגסטע וואונשען.
ליכל לייזעראָוויטש און פרוי

א הערציגען מזל-טוב און א גרינגע ערציהונג ווינשען מיר אונזער שוועסטערן זוהן און קוזין ה'
שאול פערגאַמענט און פרוי
צום געבורט פון זייער ערשט
זוהנעלע
פאַמיליע גאָלדבערג
פאַמיליע ערלמאַן

צו דער פאַרלאָבונג פון אונזער פריינד

יצחק טענענבוים
מיט פרל. זלאַטע ליכטענשטיין

ווינשען מיר זיי פיל גליק און צופרידענהייט
אבא טאַראַנטשיק,
יצחק וועבער,
יוסף פּראָפּעסאָרסקי
און מאָטיל זינגער.

דאַנקזאַגונג.

די מתפללים פון „נושאי המטה“ בזשעזשינער 23 דאַנקען דעם ראַדאָגאָשטשער רב

ר' אברהם סורימאַן

פאַר זיין הייסען הספד מאַכען דעם לאָדזער רב ר' אלי' חיים מייזל זצ"ל מיר דאַנקען אויך דעם חזן ווינאָגראַד פאַר די הזכרה.

די פערוואַלטונג

Z intencji zaślubin
p. Edzi Malinowskiej
z p. Sewerynem Englardem
najserdeczniejsze życzenia zasyłają Abram Rozenberg
i Abram Rozenblatt.

דעם טיפסטען ביילייד און מיטגעפיהל דעם ה' יצחק מאָרגענשטערן צוליב דעם טויט פון זיין זוהן

ראובן ז"ל

זיין געפּרייסט מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים

יהושע גליצענשטיין
משה בער מעלער
אברהם ראָזענטאַל

דאָס ערשטע יודישע
בלומען-געשעפט
„קאַסינאַ“ א. ב.
אין פּאַסאַזש-קאַסינאָ
לאָדז, פּיעטריקאָווער 67
עמפּפעהלט טעגליך
● פרישע בלומען ●
פאַכמענישע לייטונג
צו ביליגע פרייזען.

מזל-טוב!

א הערציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ה' שכן

ה' ר. קינרוס און פרוי

צו דער בר-מצוה-פייערונג פון זייער ליבען זוהן און ווינשען צו האָבען פון איהם פיל נחת.

וו. יאַקובאָוויטש
י. בראַנד
ל. קאַץ
א. זילבערבערג.

דעם בעליבטען עסקן-באמונה און לאַנגיעהריגען פּרעזעס פון „נושאי המטה“

ר' יוסף כזשאַנאָוויטש נ"י

ווינש איך, אז עס זאָלען מקוים ווערען די אַלע ברכות, וואָס מיר אַלע זיינע גוטע פריינד, האָבען איהם געווינשען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 70-יעהריגען יובל, וואָס ער האָט די לעצטע טעג געפייערט.

ליב פּריס.

א הערצליכען מזל=טוב ווינשען מיר אונזער געעהרטע מיטגל. פון פרויען=קאָמיטעט

פרוי סימעלע זשעזשיבסקאַ

צו די תנאים פון איהר ליבע טאָכטער

פרל. אסתר מיט ה' הערשל פינטשעווסקי

די פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים“
דאָס פרויען-קאָמיטעט „ „
די ווירטש. קאָמיסיע „ „

די געעהרטע פרוי ש. יאַסקאָוויטש צו דער חתונה פון איהר טאָכטער

לאַניאַ מיט ה' י. אַלעקסאַנדראָוויטש

ווינשען פיל גליק און נחת.

יוסף שטערן ומשפחתו

פאַר קראַנקע אויך רעקאָנוואַלעסצענטען!!!
אָריגינעלע רויטע-ווייבען
ווי אויך אונגאַר-ווייבען
אין דער בעסטער קוואַליטעט צו זעהר צוגענגליכע פרייזען בעקומט מען אין דעם בעקאַנטען וויין-געשעפט פון
ע. שיקיער אינה.: ישראל שיקיער
לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 1
טעל. 107-84.

שנעל-דרוקעריי
בראַמבערג
צעגעלניאַנאַ 8. טעל. 255-09
פיהרט אויס:
בריוו-בויגען, קאָנווערטען, רעכנונגען, קוויטאַנציעס, פערלאַבונגס- און חתונה-קאַרטען, וויזיט-קאַרטען, פאַבריקס- און קאָנפעקציע-עטיקעטען, שטרימף-באַנדעראָלן
רעעל מאָדערן
שנעל און ביליג

ווערקשטעל פון שירמס און שפּאַציר-שטעקענס
ס. פייגענבוים
לאָדז, נאַרוטאָוויטשאַ 19
עמפּפעהלט אין א רייכען אויסוואַהל פון קאָלירטע דאַמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאָנקורענץ-פרייזען.

נעמט אָן אַלערליי רעפּעראַטורען פון שירמס און שטעקענס.

3 שטובען און א קוך
מיט בעקוועמליכקייטען אין צענטרום שטאָט ווערט פון זאָפאָרט געזוכט.
צו ערפאַהרען ביי קאַפּעל, שרודמיעסקאַ 58, טעל. 186-19.

# פאר ארעגירונגס=קריזיס אין פראנקרייך

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

דאָס הויפּט־פּראָבלעם אין די פּאַרלאַמענטאַרישע קרייזען פון פראַנקרייך איז כסדר די פראַגע וועגן גלייכגעוויכט פון רעגירונגס־בודזשעט און די צוקונפטיגע פינאַנץ־פּאָליטיק.

„זשור" טיילט מיט, אַז פרעמיער פלאנדין האָט בעשלאָסען צוצואיילען דעם לויף פון די געשעהענישען און ער וועט אין דער דעפּוטאַטען־קאַמער אַריינגעטראָגען אַ פּראָיעקט פון אַ געזעץ וועגען ברייטע פינאַנציעלע און ווירטשאַפטליכע פולמאַכטען פאַר'ן פרעמיער.

אין די פאַרלאַמענטאַרישע קרייזען איז דער רעגירונגס־פּראָיעקט אויפגענומען געוואָרען מיט אַ קאַלטקייט. דער פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע ביים פּאַרלאַמענט ווי אויך דער גענעראַל־רעפערענט פון בודזשעט ווייזען אַרויס אַ פיינדליכע שטעלונג צום פּראָיעקט.

אין די קולואַרען קורסירען קלאַנגען וועגען דער באַהענטקייט פון אַ רעגירונגס־קריזיס. די בעמען פון די נאָכפאָלגער פון דעם איצטיגען קאַבינעט ווערען נאָך נישט אָנגערופען. מען בעהויפּטעט נאָר, אַז אין דער קינפטיגער פראַנצויזישער רעגירונג וועלען אויך אַריין סאָציאַליסטען.

„פיגארא" פרעגט אָן אין אַ לייט־אַרטיקעל, צי פלאַנדינס וועט פאַלען, צי מען דאַרף ערוואַרטען אַ דעוואלואַציע פון פראַנק. לויט דער דאָזיגער צייטונג שטעהען איצט די דאָזיגע פראַגען אויף דער טאָג־אָרדנונג אין די פּאָליטישע קרייזען, די צייטונג בעהויפּטעט אויך, אַז פלאַנדינ'ס רעגירונג קען אומגעוואָרפען ווערען דורך אַ קאָאַליציע פון ראַדיקאַלען, סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען. אין דעם פאַל וואָלטען, נאָכ'ן פאַלען פון פלאַנדינס קאַבינעט, איבערגענומען ווערען די רעגירונג די עקסטרעם־לינקע.

## פערשאַרפטער שטרייק פון די בעלגישע קוילען - גרעבער

### האָבען אָקופּירט 40 גרובענס און געשאַפען „סאָוויעטען"

בריסעל, 23 (ספ. טעל.)

דער שטרייק פון די בעלגישע קויהלען־גרעבער האָט אונערוואַרטעט זיך פערשאַרפט. די סאָציאַליסטען האָבען פערלוירען די השפעה איבער די שטרייקענדע. די אָנפיהרונג מיט'ן שטרייק האָבען איבערגענומען די קאָמוניסטען. אין פיל גרובענס האָט מען שטאַרק צושלאָגען די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען. די רעוואָלטירענדע ארבייטער האָבען אָקופּירט לערך 40 קויהלען - גרובענס און איבער די טורעמס ארויסגעהאָנגען רויטע פעהנער.

אין געוויסע גרובענס האָבען זיך געשאַפען אַרבייטער - ראַטען, וועלכע האָבען זיך, לויט'ן מוסטער פון די סאָוויעטישע ראַטען, זיך אָנגערופען „סאָוויעטען".

זשאַנדאַרמען מאַכען שוין „אָרדנונג" אין די גרובענס.

## אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטס - קאָנפערענץ

### וועגען דעם האָט מרמז געווען אין אַמעריקא דער מיניסטער הול

וואַשינגטאָן, 23 (ספ. טעל.)

דער שטאַטס - סעקרעטאַר הול האָט געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע ווערט אין די ווירטשאַפטליכע קרייזען קאָמענטירט אַלס אַ רוף צונויפצורופען אַן אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטס - קאָנפערענץ. הול האָט געזאָגט: די וועלט געפינט זיך אויף דער שוועל פון אַ ווירטשאַפטליכער ווידעראויפלעבונג אונטער'ן איינציגען בעדינג, אויב די פעלקער וועלען האָבען חשק צוזאַמענצואַרבייטען איבער דער אויספיהרונג פון פּראָגראַם, וואָס האָט דעם ציל צו בעזייטיגען די מניעות צום ווידעראויפבוי פון דער ווירטשאַפט.

## זיצונג פון מיניסטאָרען=ראַט

וואַרשאָ, 23 (טעלעפאָניש)

אונטערן פאָרזיץ פון פרעמיער סלאַוועק איז היינט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון מיניסטאָרען־ראַט אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען די פאָראָרדנונג וועגען די פרינציפּען צו אַנערקענען הנחות פאַר די בעלי־חובות פון רעגירונגס־אוצר און פון אינסטיטוציעס פאַר עפענטליכען געברויך, ווי אויך אַ פאָראָרדנונג וועגען דער פליכט צו בעשעפטיגען קריגס־אינוואַלידען אין רעגירונגס־אינסטיטוציעס.

עס איז אויך אויסגעהערט געוואָרען אַ בעריכט פון פינאַנץ־מיניסטער וועגען דער סובסקריפּציע פון דער אינוועסטיציע־הלואה.

## געהרינגס מיסיע אויפן באַלקאַן

### ס'ווערען פּראָיעקטירט נייע אָפּמאַכען מיט דייטשלאַנד

וויען, 23 (ספ. טעל.)

די ווינער פרעסע בעהויפּטעט, אַז מיניסטער געהרינג, וועלכער וועט איצט דורכמאַכען זיין חתונה־רייזע, בעת וועלכער ער וועט צורעשט בעזוכען בעלגראַד, וועט געהרינג פאָרלעגען דעם יוגאָסלאַווישען פרעמיער יעווטיטש צו שליסען אַ דייטש־יוגאָסלאַווישען נישט - אַנגריפס - אָפּמאַך לויט'ן מוסטער פון פויליש - דייטשען פּאַקט.

מיט אַזעלכע פאָרשלאָגען זאָל געהרינג אויך קומען צו די רעגירונגען אין בולגאַריען און אונגאַרן.

זיי ברענגען פערלייכטערונגען און שטילען די ווייטאָגען.

קינא EUROPA
20 נאַרוטאָוויטשאַ 20
לעצטע טעג!
וואונדערשעהנער פילם, וואָס אילוסטרירט די ליבע פון דער פירשטין
עסטערהאַזי
און פראַנציישעק שובערט א. ג.
„די נישט פערענדיגטע סימפאָניע"
אין דער 4-טער וואָך פון רעקאָרד־ערפאָלג, כדי צו ערמעגליכען די ברייטע מאַסען צו זעהען דעם דאָזיגען פילם זענען די פּרייזן בעדייטענד פערקלענערט
ביז 6.30 נאָכמ. זענען אַלע פּלעצער צו 1.09 זל.
אויף די אונטער־סעאַנסען זענען די פּרייזען פאָלגענדע! אָנהויב 4, 6, 8 און 10.15
שבת און זונטאָג 2 פרימאָרגען־סעאַנסען 12 און 2 בייטאָג.

קלאַנג־קינא CAPITOL
זאַוואַדזקאַ 16
מאָרגן און פאָלגענדע טעג
גרויסע פּרעמיערע!
„ווינער נעכט"
אין דער הויפּט־ראָל RAMON NOVARRO
אָנהויב פון די סעאַנסען: אין געוו. טעג 4,30 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג 1.30 בייטאָג.
אויסערן פּראָגראַם: קלאַנג־צוגאַבען. דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט

Uzdrowisko Włodzimierzów
pięknie urządzony
Pensjonat „ZAKOPIAŃKA"
pod zarządem p. Birmana.
ערשטקל. כשר'ע קוך, ווי אויך דיעטישע. הערליכע זוניגע צימערן מיט ווערענדעס. אייגענער וואַלד, ווי אויך אייגענער פּאַרק. 15 מאָרגעס אויבסט־גאָרטען.
הערליכע פּלאַזשעס ביי דעם פליסענדען טייך LUCZĄŻA ערשטקלאַסיגע בעדיענונג!
אויך צו פערדינגען הערליכע אויסמעבלירטע זומער־וואוינונגען, איין־שטוביגע און שטובען מיט קוכען ביי ה. בירמאַן. 7781

DR. MED. H. Różaner
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראַנק.
NARUTOWICZA 9,
tel. 128-98.
נעמט אָן פון 9–1 פאַרמ. און פון 5–9.

Dr. med.
MARJA KOHNOWA
געוו. ערצט פון אויגען־קליניק אין ווין ספּעצ. פאַר אויגען־קראַנקהייטען
לאָדז, פּילסודסקיעגאָ 51.
טעל. 170-03.
נעהמט אָן פון 10—12 און פון 4—6 נאָכמ.

Dr. med.
A. Witoński
CHOROBY SERCA i PŁUC
godz. przyjęć 6–8
Cegielniana 20, tel. 102-77.

Starszy Felczer
B. JOŻKOWICZ
PÓŁNOCNA 4, tel. 141-86
שטעלט טעגליך פּאָקען מ״ט פּריש קראַנקהייטען און גיט אַרויס שוויידצעטלען.
נעהמט אָן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4 ביז 9 נאָכמ.

אכטונג, קראַוואַטן־נייער!
כאַלופּניקעס און אַרבייטער
מיר מעלדען דערמיט עפענטליך, אַז דאָס פּאַך איז פּערשטרייקט, קיינער דאַרף נישט אָננעהמען קיין אַרבייט און אויך נישט געבען אַרבייטען אין קיין פּאַבריקאַציע.
דער שטרייק־קאָמיטעט
ביים האַנדוו.־פאַריין, ציגל־גאַס 4

די געליטענע
פון ה' הערמאַן ווילדמאַן
לאָדז, פּיעטריקאָווער 43
ווערען געבעטען זיך צו מעלדען אין אייגענעם אינטערעס ביי
זשישטשיצקי, נאַד־לודקאַ 2
זונטאָג ד. 26/5 אַ 5 זייגער נאָכמיטאָג.

שאַכטעל־מאַכער־קאָרפּאָראַציע
אין לאָדז, כידינסקיעגאָ 40,
רעכטע אָפיצינע, 2. איינגאַנג, 2. שט. וו. 77.
זונטאָג, דעם 26־טען מאַי ד. י. פּינקטליך 5 נאָכמ. קומט פאַר די
ערעפענונג פון נייעם לאָקאַל
אַלע שאַכטעל־מאַכער, מיטגלידער און נישט מיטגלידער, ווערען געבעטען פּינקטליך צו קומען. 7840
מיט אַכטונג די פערוואַלטונג

מודעה. דער וואָלבאָרושער רבי אדמו״ר יוסף ברוך ריבאַק שליט״א, וואָס האָט געוואוינט זגערזשער 30, האָט זיך איבערגעצויגען אויף פראַנציסקאַנער 15. מען קען אָנקומען אַלע טאָג. שבת ווערט געפּיהרט מיט שלש סעודות מיט תורה. אַלע וואָלבאָרזשער חסידים ווערען געבעטען צו קומען.

צו די ה"ה גנבים
דעם 21. ד. ח. איז גענגב'עט געוואָרען פון שרודמיעסקאַ 56 פערשידענע זאַכען, צוו. אנר. וועקסלען, וואָס האָבען פאַר קיינעם קיין שום ווערט נישט, ווייל אַלע בעוואָרענישען זענען געמאַכט געוואָרען. אַבצוגעבען געגען בעלוינונג. דיסקרעציע גאַראַנטירט. קלינגען טעלעפ. 207-33, אַ חוץ שבת נאָכמ. און זונטאָג.

וויכטיג פאַר
סוויטער, הענטשקעס, זאָקען און זשאַקאַרד־מאַכער!
אין דיפּלאָמירטען, מעכאַנישען שלאָסער־וואַרשטאַט פון
Z. DESSAU,
Plac Wolności 5, tel. 145-27
ווערט אָנגענומען אַלערליי אַרבייטען, ווי: שלעסער, קעם, רעגולאַציע צוזעהער
ביליגע פּרייזען!
קומט און איבערציינט אייך! 7783

Dr. med. M. Maślanka
נערווען און פּסיכישע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף שענקעוויטשאַ 31
טעל. 147-72.

Dr. med. W. EYCHNER
פרויען־קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 4. טעל. 134-72
נעמט אָן פון 2 ביז 3.30 נאָכמיטאָג
און פון 6.30 ביז 8.30 אָוונט
אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 10–12 בייטאָג.

LABORATORJUM ANALITYCZNE dla celów DJAGNOSTYKI LEKARSKIEJ
J. ROZENBERGA
st. asystenta fizjologji Wolnej Wszechnicy Polskiej
Piotrkowska 101 m. 8, tel. 130-87
wykonywa wszelkie analizy (chemiczne, bakterjologiczne, serologiczne, mikroskopowe i in.) krwi, kału, nalotów i t.p.

Dr. med.
E. Gutman
קינדער־קראַנקהייטען
בעמט ווידער אָן
Gdańska 26, tel. 173-00.
טעגליך פון 11–1 און פון 4–7 נאָכמ.

אַנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.־רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעהמט אָן:
Bank Gospodarstwa Krajowego און אָבטיילונגען
Bank P. K. O. און אָפּטיילונגען (פּ.ק.אָ. בײ אַלע פּאָסט־אַמטער
Państwowy Bank Rolny (№ 22 000 שעמען קאָנטאָ
Powsz. Bank Kredytowy S. A, און אָפּטיילונגען
Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Powsz. Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D/B T. Bunimowicz, Wilno Oddz. Banku Drezdeńskiego w Gdańsku און אנד.
ווערט־בריוו נעהמען אָן אַלע פּאָסט־אַמטען. פּאָדערט די נייע פּרייז־קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.
אינפאָרמאַציעס קריגט מען אין אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס ווי אויך די געזעלשאַפט „היאַס".
TORGSIN OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC. MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14
WARSZAWA, Plac Grzybowski 10
Tel. 275-63.

Dr. med.
Haltrecht
ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט־און געשלעכטס־קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
נעמט אָן פון 11 פריה ביז 2 טאָג און 5—9 אָוו.
זונטאָג פון 10—1 בייטאָג.
אַלע אַרט אַנאַליזען.
פאַר אוּנבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזן
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.

פאַר גאָרד, בּיזשוטעריע
און לאָמבאַרד־קוויטעס צאָהלט די העכסטע פּרייזען
אילידאָר פּיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

ציעכאָצינעק
דר. מעד. וו. לאַסקי
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
נעהמט אָן, ווי געוועהנליך, פון 15־טען מאַי אָן
ווילע „מענבטאַבאַ"

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
שערפּיעז 37 (בענעדיקטאַ 6)
נעהמט אָן פון 5–7 נאָכמ.

איבערפאַדערונג
דערמיט פאָדער איך אויף דעם אינהאַבער פון דער פירמע „בערנהיים", פּולנאָצנאַ 1,
ה' דוד קופּעלד
ער זאָל מיר צורעדיגען די 2 טובה־וועקסלען, אין געגענפאַל וועל איך געצוואונגען זיין אָנצוגעבען אין געריכט און וועל נישט פעראַנטוואָרטליך זיין פאַר די קאָנסעקווענצען אויך פון אַנדערע ענינים.
מיט אַכטונג
א. ז. שטערנשוס
נאַוואָמיעסקאַ 3.

Dr
Wajnberg
ספּעצ. פאַר לונגען, האַרץ און מאָגען־קראַנקהייט.
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9–10 פריה, 3–5, 8–9 אָוו.

אויערן, נאָז און האַלז
קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9–2 און פון 4–8 אָוונט.

# אויף דער עלטער

**דערצעהלונג**

**י. ר. שאצקי**

— 1. —

ר' מענדעלע בארסוק, דער גביר פון שטעטעל, א מענש אין די פופציגער, נאָך שטאַרק געבויט, מיט א קורץ שוואַרץ־גרוי בערדעל. מיט גרויסע שפּיציגע אויגען, האָט זיך שטאַרק וועגען עפּעס פערקלערט.

ווען מענשען וואָלטען געקענט לייענען פרעמדע געדאנקען וואָלט ער פון חרפּה פאַר זיי די אויגען נישט געקאָנט ווייזען.

„דרייסיג יאָהר אָפּגעלעבט מיט א ווייב, אפילו נישט אזא שיינע, א קרענקליכע, אָבער אזא אָרענטליכע, א שטילע טויב, וואָס שטייט אויס פון איהם אַלע זיינע קאַפּריזען, וואָסי ער ווייס נישט? ער איז א דעספּאָט. סיי אין שטוב, סיי אין פאַבריק, אָבער זי, לאָה זיינע, שמייכעלט שטענדיג גוטמוטיג און נישט זעלטען, ווען ער כאַפּט איבער די מאָס, רופט זי זיך אָפּ צו איהם שטילערהייט: — בערוהיג זיך. ס'שאַדט דאָך צום געזונט — — —

א גאנצע וואָך איז מען פערהאָרעוועט, פערטאַראַראַמט, מ'בעמערקט גאָרנישט ווי די טעג פליהען אוועק, אָבער א שבת, א יום טוב, קומסט פון שוהל אהיים — אַלץ ארום שימערירט, לייכט, פינקעלט דער טיש איז געגרייט, מיט די טייערסטע מאכלים, זעצט זיך אוועק צום טיש א עלענטער, פון אונטערן טיש שפּרינגט ארויף אויף די קני א אויסגעפּאַשעטע גרויע קאַץ, לאַשטשעט זיך, רייבט זיך אָן ארבעל מיט איהר נאָמבע און הויבט אָן כראָפּען...

ר' מענדעלען בעפאלט אַנ'אומעט.

שטייט א דאַרער בוים אין מיטען גרינעם וואַלד שטייט אַנ'עלענדער מיט זיינע דאַרע צווייגען, פוילען זיינע וואָרצלען, פוילט זיין האַרץ...

רייך איז ער גענוג. מענשען קוקען איהם אין די אויגען, חנפענען איהם, גלעטען איהם, האָרעווען פאַר איהם מיטן ביטערען שוויס, אָבער... נאָך א צענדליג יאָהר וועלען איבערלויפען ער וועט אַלט ווערען, קראַנק ווערען, און שטאַרבען...

אָבער ער פיהלט זיך נישט גענוג קרעפטיג ער איז נאָך א מענש אין די מיטעלע יאָהרען.

עס שווימט ארוים פאַר זיינע אויגען זיין לאָה, א הויכע, דאַרע, פערוויאַלעטע יודענע, מיט אויסגעלאָשענע אויגען, מיט קנייטשען אויף די באַקען...

און פּלוצים שטעלט זיך איהם פאָר צילקע א ארבייטאָרין ביי איהם אין פאַבריק, א שיינע יונגע, קרעפטיגע מיידעל, מיט שוואַרצע ברענענדיגע קאַרשען אויגען מיט רויטע ליפּעלעך, וואָס שמייכלען שטענדיג אזוי שעלמיש...

צילקע ארבייט שוין ביי איהם אין פאַבריק א יאָהר צייט, מאָדנע, עפּעס האָט איהם איצט א אום בעוואוסטע קראַפט א ציה געטון אין פאַבריק אריין צו איהר...

נישט לאנג קלערענדיג האָט ער האַסטיג א עפען געטון די טיר און איז אריין אין פאַבריק.

— 2. —

די ארבייט איז אין פולען ברען. ס'קלאַפּען די מאשינעס. ס'דרייען זיך די רעדער, לאנגע פּעסער לויפען ווי בליצען אין דער הויך צו די רעדער און פאַלען אראָפּ צו די מאשינעס.

אַלץ קומט אין בעוועגונג. טויזענטער שרייפעלעך, רעדעלעך, זעגעלעך, כאַליוועס, ציינדלעך, קעמעלעך, דרייען זיך מיט א געפילדער, מיט א רעש.

ס'קלאַפּט, ס'פּייפט, ס'זשומט, ס'ציקעלט זיך. דער וואָלף־מאשין כאַפּט אריין מיט זיינע גרויסע אייזערנע ציין שטיקער אַלטע שמאַטעס. צורייסט זיי, צופליקט זיי, צורייסט זיי אויף פּיצלעך, און אָט ציהען זיך לאנגע פעדים, וועלכע דרייען זיך, קאָרטשען זיך און די שפּינדלעך קלינען, מאַנצען אונטער, די ציוּרקעס ווערען אַלץ קיילעכדיגער און גרעבער פון די אָנגעדרייטע גאַרן, א וואָלקען שטויב צושיט זיך איבערן פאַבריק, עפּעס ווי א מאָדנער פערוואָלקענטער תוהו ובוהו וואָלט צושמעטערט, צושטורעמט אַלטע נישט־נוציגע לעבענס, כדי צו שפּינען נייע, האָפענונגפולע לעבענס...

מענדעלע שפּאַנט ארום צווישען די מאשינעס, כאַפּט א שמועס מיטן מייסטער, וואַרפט זיך דורך מיט א פאָר ווערטער מיט די איבעריגע ארבייטער, ביז ער קומט צו פאַמעלעך צום מאשין, וואו צילקע שטעהט, ער האָט זיך געפיהלט ווי עפּעס פערלוירען, א ווייל איז ער געשטאַנען שטיל אין פערלעגענהייט ביז ער האָט זיך בעהערשט, געמאַכט א שטרענגע מינע, אויסגערעדט איהר וואָס די מאשין איז נישט גוט געפּוצט, צילקע איז געוואָרען בלייך, אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע שטראַהלענדיגע קאַרשען־אויגען, און גענומען זיך שטיל פערענטפערען.

— 3. —

ר' מענדעלע האָט זיך פּלוצלונג מיט א זיפץ שטיל אוועקגעזעצט אויף איהר בענקעל און אָנגעהויבען רעדען צו איהר ווייכע רייד: ער האָט איהר אויסגעפרעגט ווי לאנג זי ארבייט שוין, און ווער זענען איהרע עלטערען, צי זי האָט נאָך ברידער און שוועסטער?

צילקע אָפּ ערדרויטעלטע, קוקט אויף איהם מיט איהר שעלמישען שמייכעלע, און דערציילט איהם אוים ווי פאַר אַנ'אייגענעם פאָטער.

דער פאָטער איהרער איז געשטאָרבען, ווען זי איז נאָך געווען א קליינס. די מוטער האָט די גאנצע יאָהרען שווער געהאָרעוועט כדי צו דערנעהרען זיך און איהר איינציגע טאָכטער, נאָר איצט איז שוין די מוטער אַלט און שוואַך. און זי צילקע דערנעהרט איהר מיט איהר ארבייט.

מענדעלע זיצט די גאנצע צייט דעם קאָפּ אראָפּ געלאָזען, אזוי ווי נישט ווילענדיג ריהרט ער איהר אָן ביים האַנד און גיט א ציטער. א וואַרימער שטראָם צוגיסט זיך איהם איבערן האַרצען; איהם דוכט זיך ער וואָלט אזוי געזעסען דעם גאנצען לעבען דאָ אויף דעם בענקעל, און די אָרימע מיידעל זאָל איהם אַלץ דערציילען פון איהרע ליידען, פון איהרע קינדערשע יאָהרען, און ס'ווילט זיך איהם גאָר נישט גיין צוריס פון שטאָט.

— 4. —

אויף מאָרגען, און אין די איבעריגע טעג איז שוין צילקע אין פאַבריק נישט געקומען, איהרע חברטעס און די ארבייטער וועלכע זענען געקומען צו איהר געוואויר ווערען האָט זי דערציילט אז א רייכער פעטער פון אמעריקע האָט זיי געשיקט א סך געלד און איצט, פערשפּאָרט זי שוין ארבייטען.

מענדעלע איז געוואָרען גאָר אַנ'איבערגעבּיטענער, אונטערגעשוירען דאָס בערדעל, א גוטמוטיגער שמייכעל גייט נישט אראָפּ פון די ליפּען, זיינע ארבייטער האָבען זיך גאָר נישט געקענט אָפּוואונדערען.

אָבער דעם סוד דערפון האָבען זיי נישט געקענט וויסען יעדען פאַרנאַכט ווי ס'פלעגט נאָר ווערען טונקעל האָט מענדעלע געשפּאַנט אונטער דער שטאָט צו דער קלענער שטיבעלע מיט די פערהאַקטע לאָדענס..

אזוי זענען אריבערפליגען עטליכע חדשים, איינמאָל ווען ער איז געקומען צו צילקען ווי געוועהנליך האָט זי איהם אָנגענומען פאַר די הענט, אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע שיינע גרויסע אויגען און פּלוצלינג זיך פונאַנדערגעוויינט... מענדעלע איז געוואָרען בלאַס און רויט, אין זיינע אויגען האָט זיך א מאָדנע שמחה אָנגעצונדען — — — — — —

ווי אזוי ער איז נאָכדעם געקומען צו זיך אהיים געדענקט ער נישט. ער איז געפלויגען איבער די שטילע ליידיגע גאַסען ווי א משוגענער.

אריינגעפלויגען אין שטוב א נעהם געטון לאָהן פאַר די הענט, אריינגעפיהרט איהר אין קאַבינעט און פערשלאָסען הינטער זיך די טיר.

א גאנצע נאַכט זענען זיי ביידע געזעסען און געשמועסט אז ס'האָט אָנגעהויבען טאָגען איז שוין ביי זיי געווען אַלץ אָפּגערעדט.

לאָה האָט פערשטאַנען אז ער מוז האָבען א יורש און מיטן גוטען ווילען האָט זי זיך געבראַכט פאַר א קרבן.

— 5. —

שטעטעל איז באַלד געוואויר געוואָרען אז ר' מענדעלע באַרסוק גט זיין ווייב און נעהמט די אָרימע צילקע.

אַלטע לייט האָבען עס געהאַלטען פאַר א גדלות געהידושט זיך אויף זיין עניוות; געקענט נאָך קריגען א רייכע טאָכטער מיט נדן.

יונגע האָבען שטילערהייט מיט בליצענדיגע אויגען געסמאַקעוועט.

פאַר די ארבייטער אין פאַבריק איז איצט עפּעס קלאָר געוואָרען..

נאָר ר' מענדעלע איז נאָך דער שטילער חופּה ערגעץ אָפּגעפאָהרען מיט דער יונגער ווייבעל, נעקומען צוריק איז ער אליין.

זי — האָט מען דערצעהלט — וואוינט אין כרך, וואוהין ער קומט צו איהר אָפּט...

ערשט אין א יאָהר ארום, ווען לאָה איז פון א פערקיהלונג געשטאָרבען, איז צילקע אראָפּגעקומען אהיים מיט א קליין יונגעלע פון עטליכע חדשים; שטעטעל האָט מיט גרויס כבוד מקבל פנים געווען די נייע גבירטע.

---

# קארל־יאנקעל

(ענדע פון דער 10־טער זייט)

קוראָר האָט בעוויזען, אז אויסגאַנגענדיג דאָס בלוט מיט די ליפּען האָט דער בעשולדיגטער אונטערגעוואָרפען דעם געפאַהר פון אנשטעקען מיט פערשידענע קראַנקהייטען טויזענטער קינדער...

נפתלי האָט געזיפצט, געקרעכצט, עפּעס אונטער דער נאָז געזאָגט...

„וואָס זאָגט איהר עפּעס דאָרט, בירגער הערטשיק?... פרעגט דער פּראָקוראָר.

נפתלי האָט אָנגעשפּאַרט זיין אויסגעלאָשענעם בליק אויפן פּראָקוראָר אָרלאָוו.

„דער פערשטאָרבענער הער זוסמאַן האָט ער געזאָגט — אייער פערשטאָרבענער פאָטער האָט געהאָט א קאָפּ אויף דער גאנצער וועלט א צווייטער אַזעלכער נישטאָ... און דאנקען גאָט, ער האָט נישט בעקומען קיין אָפּאָפּלעקציע, ווען ער האָט צוריק מיט דרייסיג יאָהר מיך געריפען אויף אייער ברית. און מיר זעהען, איהר האָט אויסגעוואַקסען א גרויסער מענש ביי דער סאָוויעטישער מאַכט, און נפתלי האָט נישט פערכאַפּט מיט דעם שטיקעל קלייניגקייט גאָרנישט, וואָס וואָלט אייך געקאָנט צו עפּעס צונויץ קומען...

אין זאַל איז געוואָרען שטיל ווען מען האָט אריינגעפיהרט דעם עדות ביעלאַצערקאָווסקי, דער עדות האָט איבערגעחזרט זיין שריפטליכע אָנקלאַגע, ער איז א הויכער, אָנגעטון אין גאַליפע און אין קאַוואַלערישע שטיוועל, ווי עס ערקלערט אָווסעי, האָט ער אין ברען פון דער ארבייט בעקומען א טעלעגראַמע אז עס איז ביי איהם געבוירען א זוהן. ער האָט זיך בעראַטען מיט דעם זאוואָרג*) פון באַלטער אוקאָם**) וואו ר'איז געווען אויף דער קאָמאַנדיראָווקע, און בעשלאָסען נישט איבערצורייסען די ארבייט, שיקען דערוויייל א גראַטולירונגס דעפּעשע... און אהיימגעקומען איז ער אין צוויי וואָכען ארום.

אין דער היים האָט ער געטראָפען נאָר די שכנטע באַרטשענקאָ א וועשערין, פון דער פּראָפעסיע, די באַרטשענקאָ איז געזעסען לעבען וויגעלע פונם קינד און געזינגען א לידעל וואָס עס איז שוין אויך א פערעלטערטער מנהג. אזוי ווי ער קאָן די באַרטשענקאָ אלס א שכורטע האָט ער זיך נישט אריינגעהערט אין די ווערטער פון איהר לידעל נאָר עס האָט איהם געוואונדערט, אַלמאי רופט זי דאָס קינד „יאשא” אין דער צייט ווען ער האָט געהייסען א נאָמען געבען — קאַרל, דעם נאָמען פון גרויסען לעהרער, קאַרל מאַרקס, און אויפדעקענדיג דאָס קינד האָט ער זיך ערשט איבערצייגט אין זיין אומגליק!...

עטליכע פראַגען האָט געשטעלט דער פּראָקוראָר.

די פערטיידיגונג האָט ערקלערט, אז זי האָט נישט קיין פראַגען. מען האָט אריינגעפיהרט די עדות פּאַלינע ביעלאַצערקאָווסקא. זי האָט זיך געוואַקעלט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צום באַריער, א בלוויליכער ציטער פון דעם נאָר וואָס אָפּגעקומענער קימפּעט האָט געקרומט איהר פּנים, אויף דעם צאַרטען שטערען זענען געשטאַנען טראָפּענדלעך שוויס, זי האָט מיט'ן בליק ארומגעכאַפּט דעם קלייניגקען שמיד, וועלכער האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי אויף א יום טוב, און דאָס קופערנע, מיט גרויסע וואַנצען פּנים פון דער מוטער.

די עדות ביעלאַצערקאָווסקא האָט נישט געענטפערט אויף דער פראַגע וואָס עס איז איהר בעקאַנט וועגען דעם ענין. זי האָט געזאָגט אז איהר טאַטע איז געווען אַנ'אָרימאַן, אז 40 יאָהר האָט ער געארבייט אין דער שמידעריי אויף דעם באַלטער וועג, די מוטער האָט געבוירען 6 קינדער; פון זיי זענען דריי געשטאָרבען, איינער איז א רויטער קאָמאַנדיר, דער צווייטער ארבייט אין די וואָרשטאַטען פון העון.

די מוטער איז זעהר פרום, דאָס זעהען אַלע, זי האָט שטאַרק געליטען, וואָס איהרע קינדער זענען נישט קיין פרומע, און זי האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן געדאַנק אז איהרע אייניקלעך וועלען נישט זיין קיין יודען. מען דאַרף נעהמען זאַין אכט אין וואָס פאַר א סביבה זי איז אויפגעוואַקסען... דאָס שטעטעל מיעדזשיבאָזש איז אַלעמען בעקאַנט די פרויען דאָרט טראָגען ביז איצט שייטלען.

דער אַלטער איז געשלאָפען אין משך פון גאנצען פּראָצעס זיין מאַרינאַרקע איז געווען פערשאָטען מיט אש. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען עס איז צוגעקומען צו פּאַליע ביעלאַצערקאָווסקא.

„זאָגט נאָר עדות”, און זיינע בלוויליכע אריינגעשטעלטע ציין האָבען געקלינגען, — איז אייך געוועןבעוואוסט דער בעשלוס פון אייער מאַן צו רופען דעם זוהן קאַרל?”

— „יאָ”.

„ווי האָט איהם גערופען אייער מוטער?”

„יאַנקעלע”.

„און איהר ווי האָט איהר איהם גערופען?”

„איך האָב איהם גערופען נשמהלע”.

„פאַרוואָס גאָר נשמהלע?”

„איך רוף אַלע קינדער נשמהלע”.

„געהען מיר ווייטער” — זאָגט ליונינג, די ציין זיינע זענען ארויסגעפאַלען, ער האָט זיי אונטערגעכאַפּט מיט דער אונטערשטער ליפּ און צוריק געשטעלט אויף זייער אָרט. — „געהען מיר ווייטער. אין אָוועגט, ווען מען האָט דאָס קינד אָפּגעטראָגען צו דעם בעשולדיגטען הערטשיק, זענט איהר נישט געווען אין דער היים, איהר זענט געווען אין א לעטשניצע... ריכטיג אזוי?

„יאָ, איך בין געווען אין א לעטשניצע.

„אין וואָס פאַר א לעטשניצע האָט איהר זיך געהיילט?

„אויף ביזשינסקאַ, ביים דאָקטאָר דריזאַ.

„ביים דאָקטאָר דהיזאַ? איהר געדענקט עס גוט?

„יאָ, ווי קען איך פערגעסען..

„איך האָב דאָ פאַרצושטעלען דעם געריכט אַנ'אויסצוג”. דאָס לעבענלאָזע פּנים מיט די גרויסע אויערען פון ליונינגען האָט זיך אויפגעהויבען איבערן טיש, — „אין דעם אויסצוג איז געזאָגט, אז דאָקטאָר דריזאַ איז אין דער צייט וועגען וועלכער עס ווערט דאָ גערעדט געווען אויפן קאָנגרעס פון די פּעדיאַטאָרן אין כאַרקאָוו...

דער פּראָקוראָר האָט נישט געהאַט גאָרנישט געגען צולעגען דעם דאָזיגען דאָקומענט.

„געהען מיר ווייטער” — האָט געקלאַפּט מיט די ציין ליונינג.

די עדות האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן גאנצען קערפּער אויפן באַריער, איהר קול האָט מען קוים געהערט.

„ס'קאָן זיין אז דאָס איז גאָרנישט געווען דריזאַ”, האָט זי געזאָגט, איך קאָן נישט אַלץ געדענקען, איך בין מיד.. אויסגעמאַטערט.

ליונינג האָט געקראַצט מיט דער בלייששטיפט די געלע באָרד, געריבען זיך מיט דער איינגעהויקערטער פּלייצע אין דעם ווענטעל פון דער באַנק און בעוועגט מיט די אריינגעשטעלטע ציין.

אויף דעם פאָרשלאג צוצושטעלען דאָס צעטעל פון דער פערזיכערונגס קאַסע האָט די ביעלאַצערקאָווסקא געענטפערט, אז זי האָט דאָס צעטעל פערלוירען...

„געהען מיר ווייטער”, האָט דער אַלטער געזאָגט.

פּאַלינע האָט מיט דער האַנט אדורכגעפיהרט איבערן שטערען. איהר מאַן איז געזעסען אויפן עק פון דער באַנק, בעזונדער פון אַלע אנדערע עדות, ער איז געזעסען אויסגעגלייכט ארונטערגענומען אונטער זיך די לאַנגע פיס מיט די קאַוואַלערסקע הויכע שטיוועל... די זון האָט געשיינט און בעלויכטען זיין פול מיט קליינע בייזע בּיינדעלעך, פּנים.

„איך וועל דאָס צעטעל געפינען, האָט שטיל געזאָגט פּאַלינע, די הענט איהרע זענען אראָפּגעפאַלען פונם באַריער.

א קינדעריש געוויין האָט זיך אין דעם אויגענבליק דערהערט. אונטער דער טיר האָט געוויינט, געשריגען דאָס קינד.

„וועגען וואָס טראַכסטו, פּאַליע?” האָט מיט א געדיכט קול געזאָגט די אַלטע דאָס קינד איז פון אינ דערפריה אָן נישט געהאָדעוועט, עס פערגעהט זיך פון שרייען..

די רויט ארמעער האָבען אויפגעציטערט און פערסטער גענומען די ביקסען, פּאַלינע האָט זיך אראָפּגעגליטשט נידריגער און נידריגער, דעם קאָפּ פערוואָרפען, די הענט האָבען זיך א הויב געטון אין דער לופטען און אראָפּגעפאַלען...

„אַנ'איבעררייס, האָט אויסגעשריגען דער פאָרזיצער.

א שטורם האָט אויסגעבראָכען אין זאַל. ביעלאַצערקאָווסקי איז מיט פויגעל שריט צוגעגאַנגען צו דער פרוי.

„דאָס קינד אָנהאָדעווען! האָט עמיצער פון די לעצטע רייהען אויסגעשריגען; צושטעלענדיג די הענט צום מויל ווי א טראָמבע.

„מען וועט עס אָנהאָדעווען,” האָט געענטפערט פון ווייטענס א פרויען שטימע — מען האָט געוואַרט אויף דיר...”

„צוגעטשעפּעט די טאָכטער”, האָט געזאָגט עפּיס א ברייט־ביינערדיגער ארבייטער, וואָס איז געזעסען לעבען דער אַלטער... די טאָכטער אינמיטען...

„א משפּחה ־ ענין, ברודער — האָט זיין שכן געזאָגט, א ענין א ביינאַכטיגער, א פינסטערער וואָס ביינאַכט איז פערדרעהט וועט מען ביי טאָג נישט אויפדרעהען..

די זון האָט מיט די שיפּע שטראַהלען איבערגעהאַקט דעם זאַל. דער עולם האָט זיך געדיכט געדרעהט, געאָטעמט מיט פייער און שוויס, איך האָב זיך דורכגעשלאָגען מיט די עלענבויגענס אין קאָרידאָר, די טיר אין דעם „רויטען ווינקעל” איז געווען אָפען, פון דאָרטען האָט זיך געהערט א טשמאַקען און סאָפּען פון דעם קליינעם קאַרל־יאַנקעל. אין „רויטען ווינקעל” האָט געהאַנגען לעניגס פּאָרטרעט דער וואו ער רעט צו די ארבייטער פון א פּאַנצער צוג ארום דעם פּאָרטרעט זענען געווען ארויסגעהאַנגען פּאַרביגע דיאַגראַמען פון די אויסאַרבייטונגען אויף פּיעטראָווסקים פאַבריק אין דער לענג פון די ווענט זענען געשטאַנען פעהנער און ביקסען אין האַלצערנע שטענדערס, אַנ'ארבייטערין מיט א פּנים פון א קירגיזין, האָט, אָנבויגענדיג דעם קנפּ געהאָדעוועט דעם קליינעם קאַרל־יאַנקעל. דאָס איז געווען א פּעם מענשעל פון א 5 חדשים אין געשטריקטע זעקעלעך און א ווייסען פּאַנפּאָן אויפן קעפּעל, צוגעכאַפּט זיך צו דער קירגיזקע, האָט ער געשלונגען און מיט געביילטע פויסטלעך געשלאָגען זיין אם אין די ברוסטען.

— וואָס פאַר א רעש מען האָט דאָ אויפגעהויבען — האָט געזאָגט די קירגיזקע, — ס'וועט זיך געפינען ווער עס זאָל אָנזויגען דאָס קינד”.

אין שטוב האָט זיך געדרעהט נאָך עפּעס א מיידעלע פון א יאָהר 17, אין א רויט טיכעל אויפן קאָפּ, און בעקלעך ווי באַלעמלעך, זי האָט אויך טרוקען אויסגעוויישט קאַרל־יאַנקעלס צעראָטע.

אין זאַל האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די זיצונג.

דער קאַמף איז איצט געגאַנגען צווישען פּראָקוראָר און די עקספּערטען. וועלכע האָבען געגעבען זייערע אויספיהרונגען פול מיט יעזואיטישע אויסדרעהען. דער געזעלשאַפטליכער בעשולדיגער האָט אויפהויבענדיג זיך, געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש, איך האָב געזעהען נאָר די ערשטע רייהען פון פּובליקום. גאַליציאַנער צדיקים, וועלכע האָבען אָוועקגעלעגט זייערע פוטערנע שטריימלעך אויף די קניעס. זיי זענען געקומען אויפן פּראָצעס. וואו, עס האָבען מיטגעטיילט די וואַרשאַווער ציַיטונגען, מען קלויבט זיך צו אורטיילען די יודישע רעליגיע. די פּנימער פון די רבנים וואָס זענען געזעסען אין דער ערשטער רייהע האָבען געהאַנגען אין שטויביגען שיין פון דער זון.

„נידער מיט זיי! האָט אויסגעשריגען עפּעס א קאָמסאָמאָל, וואָס האָט זיך צוגעשטופּט ענג צו דער עסטראַדע.

דער קאַמף האָט זיך שטאַרקער צופלאַקערט.

קאַרל־יאַנקעל האָט אונזיניג.אויפגעשטעלט אויף מיר די אויגען און שטאַרק געזויגען. די פרוי איז געווען א ביסעל געשטיפּעלט.

פון פענסטער זענען געפלויגען די גראַדע נאַסען, אויסגעטראָטענע דורך מיין קינדהייט און יוגענד. די פּושקינסקי־גאַס האָט געצויגען צום וואָקזאַל, די מאַלאַ ארנאוטסקאַ איז אריינגעפאַלען אין פּאַרק ביים ים.

איך בין אויסגעוואַקסען אויף די גאַסען, איצט איז געקומען די ריי פון קאַרל־יאַנקעל, נאָר פאַר מיר האָט מען נישט אזוי געקעמפט, ווי מען קעמפט פאַר איהם... איך בין וועניג וועמען אָנגעגאַנגען...

— עס קאָן נישט זיין... האָב איך צו זיך געזאָגט, — אז דו זאָלסט נישט זיין גליקליך, קאַרל־יאַנקעל... עס קאָן נישט זיין דו זאָלסט נישט זיין גליקליכער פון מיר.

[illegible]

*) לייטער פון דער אָרגאַניזאַציע.

**) ראַיאָן קאָמיטעט.

נייער פאלקסבלאט

# דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 24 כא אייר תרצה

מאי

זון-אויפגאנג 3.30
זון-אונטערגאנג 7.35

ליכט-צינדען: 7.18

# פארוואס דווקא אין ווילנא?

## (צום 10-יעהריגען יובל פון ייוו"א)

### פון ד"ר מאקס ווינרייך

עס איז פשוט שווער זיך פארצושטעלען, אז מיט 10 יאהר צוריק איז נאך אינגאנצען נישט געווען די אינסטיטוציע, וואס רופט זיך יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט, אדער מיט איהר קורצען נאמען, ייוו"א. אזוי טיף איז די אינסטיטוציע אריינגעוואקסען אין יודישען לעבען, נישט נאר אין דער שטאט ווילנע, וואו עס איז דער צענטער פון אינסטיטוט, נאר אין דער גאנצער יודישער וועלט אויףביידע זייטען אטלאנטיק. היינט איז פשוט שווער צו פערשטיין ווי אזוי יודען מיט קולטורעלע אינטערעסען האבען זיך געקענט בעגיין אן אזא מין אינסטיטוציע.

נישט איין מאל איז מיר אויסגעקומען צו הערען די פראגע: פארוואס האט עפעס דווקא ווילנע זוכה געווען צו דעם, אז דארטען זאל שטיין דער אינסטיטוט? פערהאן דאך היפש שטעט, וואס זענען רייכער פון ווילנע, אי אין דער צאהל יודען, אי אין טוער, אי אין געלט. פערהאן דאך א סך שטעט, וואס זענען רייכער אין בילדונגס-מעגליכקייטען. טא, וואס איז פארט מיט ווילנע דער מעהר?

איך מוז זאגען, אז ווען מיר זענען צוגעטראטען בויען דעם אינסטיטוט, האבען מיר אויך אזוי געטראכט. די ערשטע גרעסערע בעראטונג וועגען דעם אינסטיטוט איז טאקע פארגעקומען אין בערלין. דער מיטעל-פונקט פון דעם ערשטען ארגאניזיר קאמיטעט איז אויך געווען אין בערלין, און מיר אליין, די ערשטע מיטגלידער זיינע פון ווילנע, האבען זיך צום מעהרסטען געשראקען, ווען מען האט אויף אונז געוואלט ארויפלייגען דעם גאנצען אינסטיטוט. מען קען זאגען מיטן פולען מויל, אז נישט ווילנע האט אריינגעכאפט דעם אינסטיטוט, נאר מען האט איהם אויף אונזער שטאט ארויפגעלייגט. אבער איצטער ווען מיר האלטען שוין מיטן יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אזוי ווייט, אז מען קען איהם פון יודישען לעבען שוין נישט אויסמעקען, איצטער זעהען מיר אלע: ווילנע איז דער איינציגער ארט, וואו דער אינסטיטוט האט געקענט דערוואקסען צו זיין איצטיגער מדרגה.

געוויס איז דא אויך געווען א גליקליכער צופאל. אין ווילנע האבען זיך גראד געפונען עטליכע מענשען, וואס האבען געהאט דעם נויטיגען חשק און די נויטיגע צוגרייטונג צו שטעלען זיך בויען אזא מין צענטראלע וויסענשאפטליכע אינסטיטוציע, וואס איז ביי יודען פאר דעם נאך קיינמאל נישט געווען. אבער נישט דאס איז דער עיקר. יודישע אינטעלעקטועלע כוחות זענען פערהאן אנדערש וואו אויך, און אין א גרעסערער צאהל. נאר איין זאך פערמאגט ווילנע, וואס קיין שום אנדער שטאט אין דער וועלט פערמאגט נישט. אין ווילנע זענען צונויפגעפארט יודישע טראדיציעס און יודישע היינטיגקייט. נאר פון די צוויי עלעמענטען צוזאמען קאן זיך בויען א קולטורעלע יודישע צוקונפט.

די ערשטע זאך מוז זיין טראדיציע. א ריכטיגע יודישע קולטור-אינסטיטוציע קען מען נישט בעשאפן מיט געלד אליין. אדער מיט טוער אליין, אדער מיט גוטע צילען אליין. עס דארף נאך זיין דאס, וואס מען רופט „דער גניוס פון דעם פלאץ". א ריכטיגע יודישע קולטור-אינסטיטוציע, וואס זאל פערנעהמען דעם ארט פון א צענטער און זיין אזוי ווי א בריק פון דער פערגאנגענהייט צו דער צוקונפט קען זיך נישט ענטוויקלען אין א שטאט, וואו עס איז נישט געווען כאטש מיט א 300 יאהר צוריק א יודישער פאגראם. פארוואס עפעס דווקא פאגראם? ווייל פאגראם, אדער פאגראם-שרעק זענען די אטמאספערע, אין וועלכער יודען האבען געלעבט פערגאנגענע יאהרהונדערטער. נאר דארטען, וואו אין די הייזער און אין שטיינער האט זיך נאך אויפגעהיט א געדעכעניש פון יענע שרעקליכע צייטען, קענען פרייע יודען בויען אינסטיטוציעס, וואס זאלען זיין פריי און פארט יודיש.

ווילנע פערמאגט דאס אין א גרויסער מאס, יודען זיצען דא פון פיל הונדערטער יאהרען און האבען שוין דא געהאט קאלט און ווארעם. יעדער מויער אין דער אלטער ווילנע, יעדער שטיין אויפן שוהל-הויף, אויף יודישער גאס און אויף גלעזער-גאס דערציילט וועגען דורות יודען, וואס האבען דא געלעבט. טראדיציע מיינט נישט דווקא נאכטאן דעם עלטערען. ברעכען, צושטערען דאס אלטע קען אויך זיין טראדיציע. אבער ווען א קיבוץ האט אין זיך טראדיציע און לעבענס-קראפט, בויט ער אויף נייעס; איז דאס נישטא, מאכט מען פשוט חרוב און עס בלייבט איבער א חורבה.

אין ווילנע בלייבען נישט קיין חורבות. ווייל א חוץ טראדיציע פערמאגט ווילנע נאך א צווייטע מעלה: אימפעט. עס איז א שטאט פון אויפטועריש-קייט, פון פיאנירישקייט.

נישט דאס ערשטע מאל איז ווילנע דורכן ייוו"א געווארען א מין צענטער פאר דער יודישער וועלט. פון דעם גאונ'ס צייטען אן שטייט ווילנע אין פאר-דערגרונט פון יודישען לעבען. דורך דעם גאון איז ווילנע געווארען א מיטעל-פונקט פון לומדות, דורך איהם איז ווילנע געשטאנען אויבענאן אין קאמף געגען די חסידים. אין ווילנע האט זיך קאנצענטרירט די גאנצע העברעאישע השכלה פון ליטע און רייסען. די רוסישע בילדונג האט געשטראמט צו יודען פון דער ווילנער ראבינער-שול, און שפעטער פון לעהרער אינסטיטוט. אין ווילנע האט זיך אנגעהויבען די יודישע רעוואלוציאנערע בעוועגונג, אין ווילנע איז געגרינדעט געווארען דער „בונד". ווילנע האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. ווען די דייטשען האבען אין דער וועלט-מלחמה פערנומען די שטאט און עס איז געווארען א מעגליכקייט צו בויען יודישע שולען, האט ווילנע גענומען בויען ענערגישער, ווי אלע און האט אויפגעבויט א שול-וועזען, וואס איז ביז היינט א מוסטער ווייט איבער די גרעניצען פון פוילען.

צייטען קומען און פערגייען, אבער עס בלייבען נישט קיין חורבות אין ווילנע. עס קומען אויף נייע לעבענס-פארמען, אבער עס זענען אויך יודישע לעבענס-פארמען. אמאל האט זיך יודישקייט אויסגעדריקט למשל, אין דעם, וואס א מיידעל האט נישט געטארט א קוק-טון אויף א בחור און פערקעהרט, ווער רעדט נאך שפאצירען צוזאמען. היינט שפאצירען זיך בחורים און מיידלעך פריי איבער די גאסען אפילו געארעמט, און איהר מעגט זיך פערלאזען, אז זיי שמועסען נישט דווקא וועגען תורה און מצות. זיי שמועסען וועגען ליבע, וועגען פוטבאל, וועגען קאמוניזם, וועגען ארץ-ישראל, וועגען טעאטער, וועגען ליטעראטור — אבער דאס איז אליץ יודיש לעבען, וואס שפילט זיך אפ צום ווייט גרעסטען טייל אויף יודיש. נאר גאנץ קליינע גרופקעלעך זענען אויף אזוי פיל פערפרעמדט, אז זיי זאלען זיך האבען אינגאנצען אפגעריסען פון דער יודישער שפראך.

אט דאס איז די סביבה, וואס אין איהר האבען עס גענומען ארבייטען געציילטע עטליכע מענשען פאר א צענטראלער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוציע. אויב זיי האבען בכלל געקענט בעגליקען, איז נאר דא.

## די זאמלונגען פון יוו"א

ביים היינטיגען טאג זיצט שוין דער ייווא אין אנ'אייגענעם בנין אויף וויוואולסקי גאס 18. דער בנין האט דריי צעהנדליג גראמע צימערן צום ארבייטען. דא איז אויך א פייער-זיכערער מאגאזין פאר די אלע גרויסע זאמלונגען, וואס דער ייווא האט אנגעקליבען. טאג-טעגליך קומען געסט, עקסקורסיעס און איינציגע מענשען, וואס פרעהען זיך צוזאמען מיט אונז, וואס מיר האבען שוין דערגרייכט צו אזא מדרגה. איצטער גלויבט זיך פשוט נישט, אז מיט 10 יאהר צוריק האבען מיר אנגעהויבען אונזער ארבייט אין א צימער פון א פריוואטער דירה, בעוואפענט מעהר נישט ווי מיט פינף פינגער. עס גלויבט זיך נישט, אז אויף די ערשטע הוצאות האבען די גרינדער גופא זיך צונויפגעלעגט צו עטליכע גילדען און אז מיר האבען זיך דערשפירט רייך ווי ראטשילד, בעת א גרופע יודישע ארבייטער פון א שטעטעל אין גאליציען האבען אונז צוגעשיקט 10 דאלאר, און נאך 10 דאלאר זענען אריינגעקומען פון א גרופע שילער פון דער יודישער גימנאזיע אין ווילקאמיר, ליטע.

היינט האט דער אינסטיטוט א בודזשעט, וואס בעי די גרעסטע איינשפארונגען און ביי דעם גרויסען סכום פריוויליגע ארבייט, וואס ווערט געטון אהן שום געצאהלט, קען מען איהם נישט אראפקוועטשען נידריגער ווי א 100 טויזענד גילדען א יאהר. ווייל וויפיל מען זאל נישט קארגען איז דער אינסטיטוט נישט איין אינסטיטוציע, נאר א גאנצע נעץ אינסטיטוציעס. און יעדער צווייג דארף האבען כאטש וויפיל נישט איז געלד, כדי ער זאל קענען אנגעהן מיט דער ארבייט.

## שרפות אין שטאט

נעכטען בייטאג האט מען ארויסגערופען די פייערלעשער צו צוויי שרפות. די ערשטע שרפה האט אויסגעבראכען אויף מארישינסקא 28, וואו עס האט זיך אנגעכאפט דער דאך פון דער וואוינונג פון ס- לעווקאוויטש. עס האט אפגעברענט כמעט די גאנצע איינריכטונג פון שטוב. דער שאדען איז א גאנץ בעדייטענדער. דאס פייער האט אפגעלאשען די באלוטער פייערלעשער-אפטיילונג.

די צווייטע שרפה האט אויסגעבראכען אויף דער יודישער גאס 8. בעת'ן קאכען סמאלע האבען זיך אנגעכאפט שמאטעס און אפפאל. וואס האבען זיך געפונען אויפ'ן הויף. די ארויסגערופענע פייערלעשער האט דאס פייער לאקאליזירט.

## 250 זל. שטראף פאר נוצען א ראדיא אהן אפצאהל

(א) דער סטאראסטע-געריכט האט בעהאנדעלט דעם פראצעס געגען שמואל ביאלעק פאמארסקא 5 וועלכער האט גענוצט א ראדיא-אפאראט אהן אפצאהל.

אזוי ווי ביאלעק איז שוין נישט דאס ערשטע מאל געשטאנען פאר אזא חטא, האט איהם דאס געריכט, אלס רעצידיוויסט, בעשטראפט מיט 250 זל. שטראף און 18 זל. בעצאהלען דעם ראדיא.

Dr

Wołkowyski

האט זיך איבערגעצויגען אויף

ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02

נעמהט אן אין הויט- און ווענערישע

קראנקהייטען, מענער-שוועכע

פון 8–11 בייטאג און פון 4–9 אוונט

Dr. J. BETTE

ספעציאליסט פאר אינערליכע

און קינדער-קראנקהייטען

PIOTRKOWSKA 6, tel. 144-95.

נעמט אן פון 8–11 פריה און פון 4–6 נאכמ.

## פאבאר פון יאהרגאנג 1914

(א) מארגען שבת דעם 26 מאי דארפען זיך שטעלען:

פאר דער קאמיסיע נומער 1, (פיעטראצקי 18) מיליטער-פליכטיגע פון יאהר-גאנג 1914, וואס וואוינען אויפן שטח פון 5 פאליציי-קאמיסאריאט מיט די פאמיליען-נעמען אויף

I J K ביז Km

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2, די פאבאר פליכטיגע פון יאהרגאנג 1914, וואס וואוינען אויפן שטח פון 7 פאליציי קאמיסאריאט מיט די פאמיליען נעמען אויף

S Sz Ś U

פאר דער קאמיסיע פון פאוויאט, די יאהר-גאנג 1914, 1913, און 1912 קאט. „בע" וואס וואוינען אין וויסקיטנע — אלע.

## אפטייקען

### היינטיגע נאכט-דיזשורען

היינט, ביינאכט, דיזשורירן פאלגענדע אפטייקען קאפראוסקי (נאוואמיעיסקא 15). ס. טראוקאווסקי בזשעזשינער 56), מ. ראזענבלום (שרודמיעיסקא 2), מ. בארטאשעווסקי (פיעטרקאווער 95), ג. סקווארטשינסקי (קאנטנא 54), ל. טשינסקי (ראקאטשינער 53).

## „בייזוויליגע צאהלער"

### קענען אויך בעקומען הנחות ביים שטייער צאהלען

די פינאנץ-קאמער האט בעקומען א צירקולאר וועגען פערלעגענע שטייערן פון בייזוויליגע צאהלער, ד. ה. פון די שטייער-פערפליכטעטע, וואס האבען פערהאלטען צוליב א שלעכטען ווילען מיט'ן איינצאהלען די שטייערן. אזעלכע שטייער בייזוויליגע צאהלער דארפען ביז'ן 1 יוני ל. י. אפצאהלען אלע שטייער-חובות מיט די פראצענטער פאר דער צייט פון 1 אפריל 1932 ביז'ן 31 מערץ 1935. אין דעם פאל וועלען זיי בעקומען הנחות ביים אפצאהלען די חובות פון די פריהעריגע יאהרען.

## א נייע פארטיע ארבייטער צו סעזאן ארבייטען

(א) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט דער רעגירונגס-קאמיסאר אינזש. וואיעוואודזקי זיך שטארק בעמיהט צו בעקומען צוגאב-קרעדיטען אויף סעזאן-ארבייטען. די בעמיהונגען האבען געהאט ערפאלג, און ווי מיר דערוויסען זיך, האט דאס מיניסטעריום פון געזעלשאפטליכער שוץ מיטגעטיילט, אז אויף צו בויען דעם פאלקס-פארק אויף קאנסטאנטינער פאלעסיע זענען צוגעטיילט קרעדיטען 8000 זל. א חודש. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען צו דער ארבייט צוגענומען געווארען 80 מענער און 30 פרויען ארבייטערינס.

## פלוצים געשטארבען

(א) אויף זאכאדניא 41 איז פלוצים אוועקגעפאלען דער 41-יעהריגער קאזמיעזש מייער און אויפ'ן ארט געשטארבען. דער ארויסגערופענער דאקטאר פון דער פאגאטאוויע האט פעסטגעשטעלט דעם טויט.

טעאטער „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20.

ששון ושמחה!
לעבעדיג און פרייליך
אין „פילהארמאניע"
20 נא נאראוויטשא 20
גאסטשפילן פון דעם ווינער אפערעטען-פארל, די ווארשאווער ליבלינגען

גיזי היידען

קאסקאדנע סוברעטע

שלמה פריזאמענט

כאראקטער-קאמיקער

דער אנסאמבל בעשטעהט פון א. ב. פרויען: בעזמאן, גארליצקא, היידען, ראזענבערג, רובינא. מענער: פריזאמענט, נייהויז, ראקאוו, רייכענבערג, שאדאווסקי און אנדערע.

| | |
|---|---|
| היינט, פרייטאג, 9.30 אוונט | מארגען שבת 9.15 אוונט |
| מארגען שבת 4 נאכמיטאג | זונטאג, ד. 26 4 נאכמיטאג |

פרעמיערע! קאמישע אפערעטע! לעצטער שלאגער! א נאכט פון הומאר, געזאנג און טענץ!

די יודישע חתונה

אין 3 אקטען 20 נומערן געזאנג און טענץ. צווישן די געזאנג-נומערן וועט איך געזונגען: 1) די וועלט לאכט; 2) איך האב ליב מוזיק; 3) מיין מאמעס לידעלע; 4) מיר האבען גארנישט; 5) דער שעהנער זומער; 6) א יודיש זמרל; 7) מיר ווילען פריילעך זיין; 8) א חתן! געוואלד! 9) א יודישע חתונה. —:— פרייזען פון בילעטע: בייטאג פון 54 גר. אוונט פון 70 גר.

רעזשי: ש. פריזאמענט. מוזיק. לייטער: ש. בלומשטיין. טרמיניסטער. לייטער: א. אבראמאוו. נייע דעקאראציעס! נייע עפעקטן, קאסטיומען, רעקוויזיטן, פערשטארקטער ארקעסטער, א ספעצ. קינדער-כאר.

אין קורצן: ש. פריזאמענטס סענסאצ. אויפפיהרונג דער פראצעס פון בלינדען מאקס.

קינא-טעאטער

„MIRAŻ"

11 ליסטאפאד (קאנסטאנט.) 16

היינט און פאלג. טעג

JOSE MOJICA

אין דעם מיטרייסענדען און פרעכטיגען פילם א.ג.

דאס ליד פון א קאזאק

אויסערן פראגראם:
וואכען-איבערזיכט פון פאט.

אנהויב 4 א זייגער נאכמיטאג
שבת און זונטאג 12 א זייגער

# הסכם וועגן סערטיפיקאטען פאר רעוויזיאניסטען

## ווייטערע אונטערהאנדלונגען וועגן א פרינציפיעלען אפמאך

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראפיש)
נעכטען איז געקומען צו א הסכם צווישען דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע מיט די רעוויזיאניסטען וועגען דער צאהל סערטיפיקאטען פאר די רעוויזיא־טישע הכשרה־מיטגלידער פארן לויפענדען האלבען יאהר. עס ווערען אויך פארטגעזעצט די געשפרעכען וועגען שליסען א פרינציפיעלען אפמאך.

## יוד. פליט איז האלאנד אוועקגעשלעפט איבער דער דייטשער גרענעץ

### געהיימנישפולע פאסירונג מיט א יודישען סקולפטאר

אמסטערדאם, 23 (יט"א טעלעגראפיש)
די יודישע בעפעלקערונג אין האלאנד איז שטארק אויפגעבראכט צוליב א סענסאציאנעלער פאסירונג מיט א יודישען פליט פון דייטשלאנד. דעם סקול־פטאר האנס גוטצייג, וואס איז אוועקגעריסען געווא־רען קיין דייטשלאנד מיט עטליכע וואכען צוריק, איז גוטצייג פערשוואונדען געווארען אויף א געהיימניש פולען אופן. אין פארלאמענט איז אפילו אריינגע־טראגען געווארען אנ'אנפראגע צו דער רעגירונג וועגען זיין פערשוואונדען. ווי ס'האט זיך ארויסגע־שטעלט, איז ג. אריבערגעפיהרט געווארען די גרע־ניץ פון א דייטש מיט א האלענדישען בירגער. דער לעצטער איז צוגעצויגען געווארען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

דאס כאראקטעריסטישע דערביי איז, וואס ווען די דייטשע מאכט האט איהם צוגעשטעלט צו דער האלענדישער גרעניץ, האט גוטצייג נישט געוואלט פער־לאזען דייטשלאנד. ער האט ערקלערט, אז ער וויל בעסער זיצען אין דער דייטשער תפיסה. מ'טייטשט דאס אויס, וואס זיין פרוי און קינדער געפינען זיך נאך אין דייטשלאנד. דערוויל איז די געשעהעניש מיט דעם פליט א רעטעניש.

## העכער 23 מיליאן רובל חובות געשענקט די יודישע קאלכאזען

מאסקווע (יט"א) לויט א בעשטימונג פון דער סאוויעט־רעגירונג פון דעצעמבער פאריגען יאהר, איז די „קאלכאזען" פון א רייהע געגענדען געשענקט געווארען 435 מיליאן רובעל חובות. וואס זיי זע־נען שולדיג געוועזען דער מלוכה. איצט האט דער „סאוונארקאם" אנגענומען א נייעם בעשלוס וועגען מבטל מאכען חובות אויף נאך קארגע 64 מיל־יאן רובעל. דערפון העכער 6 מיליאן רובעל פון די איבערוואנדערישע יודישע קאלכאזען. צוזאמען מיט די חובות, וואס זענען אראפגעשריבען געווארען לויטן דעצעמבער בעשלוס, איז די יודישע קאלכאזני־קעס געשענקט געווארען העכער 23 מיליאן רובעל חובות, וואס זיי זענען שולדיג געוועזען דעם מלוכה־באנק, דעם קאאפעראטיווען באנק און דעם „אגרא־דזשאינט".

די בעפרייאונג פון די חובות, האט א בעזונדערס גרויסע בעדייטונג פאר די יודישע קאלכאזען, וועל־כע זענען מעהר פערשולדיגט, ווי נישט־יודישע קאל־כאזען.

די בעפרייאונג פון די חובות גיט די „קאלכא־זען" א מעגליכקייט פון שנעלער ענטוויקלונג.

די איצט געשענקטע קרעדיטען זענען ארויסגע־געבען געווארען די קאלכאזען אין זייער גרעסטען טייל אויף קאפיטאלע אינוועסטיציעס, ווי אויף בוי־אונג פון הייזער און ווירטשאפטליכע געביידעס, אויף איינקויפען פיה, וויינגארטנער - פלאנצונג, אויף לאנדווירטשאפטליכע מאשינען א. אז. וו.

פון דער אנולירונג פון די חובות ליידט נישט דער „אגראדזשאינט" קיין פערלוסט, ווייל ער בע־קומט אויסגעצאהלט דעם גאנצען חוב פון דער רע־גירונג לויטן אפמאך.

עס ווערען געשענקט די חובות לויט די קרעדי־טען, וועט די קאלכאזען האבען בעקומען ביז'ן 1. יאנואר 1933. אלע קרעדיטען, וואס זיי האבען בע־קומען נאך דעם דאזיגען טערמין, זענען די קאלכא־זען מחויב צו צאהלען, אין די געהעריגע טערמינען.

## אראבישע ארבייטער בעפאלען יודישע ארבייטער

### 1 יודישער ארבייטער פערוואונדעט

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראפיש)
אראבישע ארבייטער זענען בעפאלען יודישע אר־בייטער אין חיפה. 1 יודישער ארבייטער איז פער־וואונדעט געווארען, עטליכע אראבער זענען ארעס־טירט געווארען.

## 24 נייע קריגס-שיפען בויט אמעריקא

וואשינגטאן, 23 (ספ. טעל.)
דער אמעריקאנישער סענאט האט איינשטימיג בעשלאסען צו פערגרעסערען דעם בודזשעט פאר דער ים־בעוואפנונג אויף 11 מיליאן 760,000 דא־לאר. פאר דעם געלד וועלען אויפגעבויט ווערען 29 נייע גרויסע קריגס־שיפען.

נישט לאנג צוריק איז בעשטימט געווארען 460 מיליאן דאלאר אלס קרעדיטען פארן אמע־ריקאנישען קריגס־פלאט.

## 6 מעכטיגע לופט-שיפען בויט מען אין ראטענפערבאנד

מאסקווא, 23 (ספ. טעל.)
„טאס" איז מודיע: אויפ'ן פארשלאג פון זעל־נער פון דער רויטער ארמעע און ארבייטער פון כארקאוו און לענינגראד האט זיך אנגעהויבען א גרויסע זאמעל־אקציע אויפ'ן בוי פון ריזען - עראפלאנען פונ'ם טיפ „מאקסים גארקי", וועל־כער איז די לעצטע טעג צושמעטערט געווארען בעת א קאטאסטראפע. די נייע מעכטיגע לופט־שיפען זאלען הייסען: „קיראוו", „קלים", „ווארא־שילאוו". א חוץ די דאזיגע 3 עראפלאנען האט די סאוויעט־רעגירונג, ווי בעוואוסט, שוין בע־שלאסען צו בויען 3 נייע לופט־שיפען אויף די נעמען פון סטאלין, לענין און גארקי.


אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. אן
ארגאניזירט:
„ארביס" פיעטריקאווער 18, טעל. 249-33
אויך הנחה-פעסער קיין טשעכא-סלאוואקיי און יוגאסלאוויע.


# דייטשע יודען אין די פאלעסטינער דערפער

(רייזע איינדריקען)

## פון הלל ראגאף

אז די דייטשע יודען וועלכע קומען קיין פאלעס־טינע, זאלען זיך אויסטויגען פאר דער שטאט איז פאר קיינעם קיין וואונדער נישט. זיי זענען דאך שטאט מענשען געוועזען און אלס שטאט מענשען האבען זיי דאך געמאכט א גרויסען ערפאלג אין זייער אלטער היים.

דער דייטשער יוד אידער ער נעהמט זיך צו א געשעפט פארשט ער אויס צי עס האט מעגליכקייטען צי מען נויטיגט זיך דא אין דעם. און ער זעהט גלייך פון אנפאנג אוועקצושטעלען אויף א פעסטען באָ־דען, מיט דעם נויטיגען קאפיטאל. מיט די געהעריגע אויסשטאטונגען. דער דייטשער יוד וועט גיכער אנ־הויבען א געשעפט וואס איז נאך אין לאנד נישטא, עפעס א נייעס, ווייל ער פערשטעהט אז מיט אזא גע־שעפט זענען די אויסזיכטען פון ערפאלג בעסער. דער רעזולטאט איז, אז זייט די דייטשען האבען אנ־געהויבען אהער צו קומען, איז פאלעסטינע בערייכערט געווארען מיט מאסען נייע אינדוסטריען, מען פאבריצירט דא איצט זאכען, וואס מען האט גע־מיינט אז עס וועט קיינמאל נישט מעגליך זיין דא צו פאבריצירען, די דייטשען ברעכען דורך נייע וועגען פאר דער פאלעסטינער פאבריקאציע, פאר דעם פא־לעסטינער מסחר.

אבער נישט וועגען דעם וויל איך איצטער רע־דען. ווי איך האב געזאגט פריהער, איז פאר קיינעם קיין וואונדער נישט צו זעהען אז די דייטשע יודען טוען אויף גרויסע זאכען אין די שטעט, איך וויל זיך אפשטעלען אויפן לאנד, אין די קאלאניעס, און דעם דארף. דאס איז ווירקליך צום בעוואונדערען.

פון די 20 טויזענט דייטשע יודען וואס זענען ביז איצט אהער אנגעקומען איז איבער א דריטעל אוועק אויפן לאנד דאס איז א געוואלדיג גרויסע פראָ־פארציע פאר געוועזענע שטאט־מענשען. מען דארף דערביי אין זינען האבען אז איצטער איז א צייט אין פאלעסטינע ווען די שטאט גיט נישט ווייניגער מעג־ליכקייטען (אין מאנכע הינזיכטען נאך גרעסערע און בעסער מעגליכקייטען) ווי דער דארף.

פון די זיבען טויזענט האבען אנ'ערך פון 12 הונ־דערט זיך איינגעארדענט אלס פריוואטע קאלאנים טען. דורך דער הילף פון קרן קימת האבען זיי בעקו מען באדען און מיט זייער אייגען געלד האבען זיי זיך איינגעשאפט הייזער. די נויטיגע געצייג און אנ־דערע זאכען און זענען געווארען פארמערס. כמעט אלע פון די מענשען האבען זיך געמוזט אינגאנצען איבערברעכען פון זייער פריהערדיגען לעבען. זעהר פיל פון זיי האבען פריהער קיינמאל קיין פיזישע אר־בייט איבערהויפט נישט געטון, זיכער איז עס זיי געפאלען זעהר. זעהר שווער. אבער זיי געהען אן מיט זייערע אונטערנעהמונגען און מאכען ערפאלג. זיי פאסען זיך צו צום דארף און האבען נישט ברעה דעם דארף צו פערלאזען.

נאך וויכטיגער און אינטערעסאנטער זענען די אנדערע זעקס טויזענט דייטשע יודען, וועלכע זענען אוועק אויפן לאנד אלס ארבייטער. די מעהרסטע פון זיי זענען אריינגעטראטען אין די קבוצות. אין די סאציאליסטישע קאמונעס, אנדערע האבען זיך אר־גאניזירט אין קיבוצים, אין גרופען, וואס ארבייטען און לעבען צוזאמען אויפן סאציאליסטישען שטייגער. צווישען די לאנדארבייטער געפינט מען א גרוי־סען פראצענט פון אוניווערזיטעט מענשען.

איך האב בעזוכט איינעגע קבוצות, וואו די דייטשע יודען געפינען זיך. זיי מאכען א וואונדערבא־רען איינדרוק סיי מיט'ן אויסערליכען אויסזעהן זייערען, סיי מיט דעם גייסט וואס הערשט צווישען די מענשען. זיי טוען אלץ וואס די אנדערע, די עלטערע קבוצות פון אונזערע רוסישע און פוילישע יודען טוען. די פראגראם פון ארבייט, די מעטאדע פון לע־בען זענען דיזעלבע, אבער דאך איז עס אנדערש.

אין איין פלאץ נישט ווייט פון תל אביב, געפי־נען זיך צוויי דייטשע קבוצות, איינע לעבען די אנ־דערע, אפגעטיילט זענען זיי צוליב רעליגיעזע אור־זאכען: איין קבוצה איז א פרייע און די אנדערע איז א פרומע. כמעט אלע מיטגלידער פון די צוויי קבו־צות וואוינען אין ביידלעך. (דאס איז די ערשטע מדרגה פון א קבוצה. ערשט ווען זי הויבט אן צו פעררינען גענוג געלד, איז זי פערמעגליך אויפצו־בויען באראקען אדער הייזער). אבער טראץ די א־רימקייט טראץ די פרימיטיווע בעדינגונגען פון דעם לעבען, פיהלט זיך דארטען א בעשטימטע „קולטור־רעלקייט". אלעס איז אזוי ריין און ציכטיג, אלעס ווערט געפיהרט מיט אזא פיינער ארדנונג, אין די ביידלעך איז אויפגערוימט. די קיך וואו עס ווערט געקאכט דאס עסען פאר דער גאנצער גרופע איז אב־סאלוט זויבער. די מיידלעך, וועלכע פארען זיך ארום די טעפ, טראגען ווייסע פארטוכער.

און די קבוצה האט א לעזע פלאץ און א גרויסע ביבליאטעק פון דייטשע ביכער. דאס האבען די מיט גלידער מיטגעבראכט מיט זיך פון זייער אלטער היים ביי א מיידעל אין צימער האב איך געזעהען א סך יודישע ספרים.

אין דער פרומער קבוצה איז פאראן א שוהל מיט אנ'ארון קודש און אלץ וואס א שוהל דארף האָ־בען.

איך בין אין דער קבוצה אנגעקומען פרייטאג צו נאכט. אלע מיטגלידער זענען יונגע מענשען, בחו־רים און מיידלעך אין עלטער פון צווישען צוואנציג און דרייסיג יאהר. דער עולם איז געווען אויסגעפוצט לכבוד שבת. ביי די מיידלעך אין די צימערען זענען געשטאנען אנגעצונדענע ליכט און ביים זייט פון די לייכטער טעפעלעך מיט בלומען, די יונגעלייט האבען אונז איינגעלאדען אין שוהל. וואו זיי זענען נעגאנגען מקבל שבת זיין. מאנכע פון די בחורים זעהען אויס ווי עכטע אריער, בלאנדע דייטשען, א פאר פון זיי האבען פנימער פון חסידישע יונגעלייט.

די ווענט פון דער שוהל זענען פערשטעלט מיט יודישע ספרים און דייטשע ביכער. זייט ביי זייט שטעהט א ש"ס גמרות מיט געטא'ס ווערק; א רמב"ם מיט היינעס ווערק.

אין דער גרופע איז אויך פאראן א רב, וועלכער גיט אכטונג, אויף די פרומקייט און לערענט מיט די יונגעלייט אלע אוונט א בלאט גמרא.

און די פרומע בחורים און מיידלעך פיהרען אנ' עכטען קאמוניסטישען לעבען, נאך אלע געזעצען פון דער קבוצה. זיי ארבייטען אויף די פרדסים אין דעם ארומיגען געגענד און אלץ וואס זיי פעררינען ווערט אריינגעלייגט אין איין קאסע, אלע עסען ביי איין טיש די שפייז וואס ווערט צוגעגרייט אין דער אלגע־מיינער קיך. די מיידלעך זענען די קעכינס, און די בחורים זענען די פעררינער.

די צוויי שכנותדיגע קבוצות די פרייע און די פרו מע לעבען זעהר גוט צווישען זיך. זיי העלפען איינע די אנדערע ארויס אין פערשידענע זאכען. זיי געהען איינע צו די אנדערע אויף בעזוך. עס הערשט אבסא־לוטע טאלעראנץ פון איינעם צום אנדערען.

אביסעל נעהנטער צו תל אביב איז פאראן אנ' איינגעפונדעוועטע קבוצה פון א יאהר אכט. זי איז איינע פון די ערפאלגרייכסטע און שענסטע קבוצות אין פאלעסטינע, דארטען געפינען זיך איצט אויך א סך דייטשע יונגעלייט. וואס די קבוצה האט אריינ־גענומען אין די לעצטע פאר יאהר. אויסער דעם האט די קבוצה אריינגענומען ביי א זעכציג דייטשע קינ־דער, צווישען דעם עלטער פון פופצעהן און אכצעהן יאהר, די קינדער (בחורים און מיידלעך) ווערען צו־נויפגעקליבען אין דייטשע שטעט און שטעטלעך און אריבערגעשיקט אהער. (איצטער געפינען זיך עטלי־כע הונדערט פון אזוינע קינדער אין פערשידענע קבו צות אין לאנד). זיי זענען נישט קיין מיטגלידער פון דער קבוצה נאר זיי קריגען דארטען די מעגליכקייט צו ארבייטען און צו שטודירען א האלבען טאג אר־בייטען זיי גלייך מיט די דערוואקסענע און דעם צוויי טען האלבען טאג לערנען זיי.

איך האב די קינדער געזעהען פערזאמעלט אין א גרויסען זאל וואו זיי האבען גראד אפגעהאלטען א מיטינג אונטער דער אויפזיכט פון איינעם פון זייערע לעהרער. איך האב זיי בעטראכט. שעהנע געזונ טע בחורים און מיידלעך, מיט פרייע, פרישע ענער־גישע פנימער. נישטא ביי זיי א סימן פון טרויער, פון אומעטיגקייט. מען האט מיר געזאגט אז אלע קומען זיי פון באלעבאטישע היימען, איינינע פון גאנץ רייכע פאמיליעס. אלע זענען זיי געוועזען סטו־דענטען אידער די היטלער מגפה האט אויסגעברא־כען. איצט זענען זיי פלוצלונג אפגעריסען געווארען פון זייערע בעקוועמע היימען. פון זייערע עלטערען און פאמיליעס און פערווארפען געווארען אין א ווייטע לאנד צו לעבען אונטער בעדינגונגען, וואס זע־נען פאר זיי, דאכט זיך, פרימיטיוו, כמעט נישט ציוויליזירט.

מען האט מיר אנגעוויזען אויף איין מיידעל אין דער גרופע, וועלכע איז אנערקענט פאר דער גרעס־טער שעהנהייט. זי איז איצט ווארשיינליך אלט א יאהר אכצעהן, און זעהט אויס נאך יונגער. מיט איהר געזיכט וואלט זי געקענט „איינגעהמען וועלטען". האט איינער לעבען מיר בעמערקט. און ער איז גע־רעכט. דאס לעבן פון א חלוצה אין פאלעסטינע, וואו דער פנים און אויסזעהן שפילט די קלענסטע ראלע און וויכטיג איז נאר דער ווילען צו ארבייטען און די איבערגעבענהייט צו די אינטערעסען פון דער גרו־פע חברים, וואס זענען אין דער קבוצה פעראייניגט.

די קבוצה האט א סך מערקווירדיגע טיפען. איי־נער פון איהרע וויכטיגע פיהרער איז אנ'איטאליע־נישער יוד, וואס שטאמט פון אנ'אסימילירטער פא־מיליע. ער איז אוועק פון דער היים מיט יאהרען צו־ריק און זיך אריינגעווארפען אין דער חלוצים־ארבייט פון דער ציוניסטישער־בעוועגונג. זייט די לעצטע 8 יאהר לעבט ער אין דער קבוצה. ער איז פערהייראט און האט דריי קליינע קינדער. ער און די פרוי זע־נען ביידע מענשען פון הויכער בילדונג. ער רעדט אלע אייראפעאישע שפראכען, קען מוזיק, מאלעריי, וויים ליטעראטור און פילאזאפיע, אבער זיין גאנצער אינטערעס איצט איז קאנצענטרירט אין דער קבו־צה און אין ערציהען די דייטשע בחורים און מייד־לעך וואס קומען אהין, צו ווערען אזוי איבערגעבען פאר דער קבוצה ווי ער איז.

אין דער קבוצה זענען פאראן א גאנצע רייע צי־מערען פאר קולטור צוועקען. א צימער פאר לעזען, וואו עס געפינט זיך א גרויסע ביבליאטעק אין פער־שידענע שפראכען, א צימער פאר מוזיק, וואו עס ווע־רען געגעבען אפט קאנצערטען פון אייגענעם אר־קעסטער פון קבוצה מיטגלידער. א צימער פאר פאר־לעזונגען, א צימער פאר קונסט און פאר דראמאטישע פארשטעלונגען. מען קען אין דער קבוצה הערען לעקציעס איבער טעמאס וואס געהערען געוועהנליך צו אוניווערזיטעטען, און די לעקטארען זענען מיט־גלידער פון דער קבוצה.

א גרויסע צאהל דייטשע יודען האבען זיך איינגע ארדענט אויפן לאנד אלס פריוואטע קאלאניסטען. איי־נע אזא דייטשע קאלאניע האב איך בעזוכט. זי טראגט דעם נאמען „רמות השבים" (די בערגלעך פון די צוריקגעקומענע). דער נאמען בעווייזט דעם כאראקטער פון די מענשען, וואס האבען די קאלא־ניע געגרינדעט. זיי זענען געוועזן פריהער פער־פרעמדט, ווייט פון ארץ ישראל און איצטער זע־נען זיי „צוריקגעקומען". היטלער האט זיי צוריק־געבראכט.

# „זקני-ציון" / וואס עס זאגט אונז דער פראצעס אין בערן

## פון יעקב ווינאגראדסקי

ווארפט מען עפענטליך בעלידיגונגען אויף א פריוואטע פערזאן, רעאגירט געווענליך די לעצטע באלד דערויף און וועלכער עס איז פארם, ווארפט מען אבער בעלידיגונגען אויף א גאנצען פאלק, און דערצו נאך אויף אנ' א טעריטאריאלען פאלק, ווי יודען, איז זעהר שווער צוצוציהען דעם בעלידיגער צו פעראנטווארטליכקייט און דאס ווערט נאך מעהר פערשווערט מחמת דעם, וואס די על-פי-רוב פחדנות'דיגע און אומעהרליכע בעלידיגער ווארפען זייערע בעלידיגונגען אין אזא פארם, וועלכע גליטשט זיך לייכט ארוים פון די הענט פון א בית-דין.

ווארפט מען אויף אונז, יודען, בלבולים און זלזולים אפען בפני כל עם ועדה, געפינען מיר זיך אין א גרויסער פערלעגענהייט: זאלען מיר אריבערגעהן איבער אזוינע רכילות און ליגענס מיט א פעראכטענדען שווייגען, ווי מען ראט אונז פון איין זייט בלייבען מיר דאך נישט בעפרידיגט, ווייל, ווען א בעשולדיגטער לייקענט נישט אפ די בעשולדיגונג, קען דאך דאס הערקלערט ווערען אויך מיט איהר ריכטיגקייט, געגען וועלכער דער בעשולדיגטער האט אפשר נישט, וואס צו זאגען... מיר קאנען דעריבער אזא זאך נישט שטענדיג פערשווייגען! צוציהען אבער דעם בעלידיגער צו געריכטליכער אחריות איז יורידיש, ווי געזאגט, א שווערער ענין.

חוץ יורידישע שוועריגקייטען זענען נאך דא וואגיגע השערות, וואס האלט אונז אפ פון צוציהען דעם רכילות'דיגען בעלידיגער צו אחריות: די בלבולים אויף יודען ווערען געווארפען כמעט שטענדיג מצד אנטיסעמיטישע ארגאניזאציעס, כדי אויפצוהעצען דעם המון געגען יודען און דערפיהרען איהם ביז צו א פאגראם. די אנטיסעמיטען שרעקען זיך נישט איבערינגעם פאר געריכטליכער אחריות, ווייל זיי זענען שטארק בעוואפענט מיט גוט געפעלשטער „לי-טעראטור", פאלשע פאקטען און פאלשע עדות, איז דערביי נאך דער בעשטאנד פון בית-דין אויך, ווי אפט, בעוואוסט אדער אומבעוואוסט אנטיסעמיטיש געשטימט, איז בכלל כמעט אונמעגליך די פערברע-כער צו דעמאסקירען.

וויפיל פראצעסען געגען די אנפיהרער פון בלוט בלבולים למשל האבען שוין יודען פערשפילט צוליב די דאזיגע טעמים! האט איהר אבער אזא פראצעס פערלוירען, הייסט דאך דאס אויף דעם לשון פון דעם פיינדליכען און אויפגעהעצטען המון, אז „די בעשולדיגונג איז אנ'אמת'ע!" דאס גהעט שוין ארי-בער אין דער ליגנערישע „געשיכטע" פון דעם אנ-טיסעמיטיזם, אלס א „דערוויזענער" פאקט און פא-ראדירט שוין, אלס אנ',,אלגעמיין-בעוואוסטער אמת" אין אלע וויטערדיגע פראצעסען פון דעם דא-זיגען מין!...

דער עיקר אבער איז דוקא דער געריכטליכער פראצעס — אפילו א פערשפילטער — פאר די אנ-טיסעמיטען דער בעסטער פראפאגאנדע-מיטעל, צו וועלכען זיי שטרעבען מיט אלע כוחות.

דער גרעסטער רוב יודען האלט די אלערליי בע-שולדיגונגען און בלבולים אויפ'ן כלל-ישראל פאר דעם מקור פון אנטיסעמיטיזם; זיי דוכט זיך, אז ווי נאר עס וועט ווערען דערוויזען ווערען דאס דער בלבול איז א פאלשער, וועט גלייך דער אנטיסעמיטיזם מוזען אויפהערען אדער לכל הפחות שטארק אפגעשוואכט ווערען. פון דעם דאזיגען טעות, וואס נעמט זיך פון דעם נישט פערשטעהן דעם מהות פון דער יודישער שאלה, ציהט זיין יניקה א גאנץ פאלשע אבער. ליי-דער, א זעהר שטארק פערשפרייטער יודישער פער-טיידיגונגס-סיסטעם, וואס בעשטעהט אין אפאלאגע-טישער דערוויזונג, אז אלע בלבולים, וואס ווערען געווארפען אויף יודען, זענען פאלשע און — אז יו-דען זענען בכלל נישט ערגער פאר נישט-יודען.. מען פערגעסט דערביי אינגאנצען דעם פראנצויזי-שען גלייכוואָרט: „ווער עס ענטשולדיגט זיך בע-שולדיגט זיך".

די אלע בלבולים, וואס ווערען געווארפען אויף יודען, ווערען גאר אויסגעטראכט און כלומרש פאק-טיש און „וויסענשאפטליך" דערוויזען נאר, כדי דעם פאגראם צו רעכטפערטיגען אין די אויגען פון דעם פאגראמירענדען בלינדען און אפגענארטען המון! דער בלבול בערוהיגט דעם אומרוהיגען גע-וויסען פון די פאגראמירענדע אויף פאלגענדען אופן: „אמת, דער פאגראם איז א שמוציגע גוואלט ארבייט, אבער יודען זענען אזא פערברעכעריש און מענשען-פיינדליך פאלק, דאס זיי מעג מען פאגרא-מירען". איטליכער אנטיסעמיטישער בלבול זוכט אגב צו פערשענערן די שמוציגע פאגראם-ארבייט און די ווילדע שנאה צו יודען!... דער מקור פון דער דא-זיגער שנאה ליגט טיף פעראנקערט אין דעם עקא-נאמישען לעבען פון לאנד און דער עיקר אין דער שוועריגקייט צו קאנקורירען מיט דעם יודען כמעט אויף אלע געביטען פון מענשליכער טעטיגקייט.

דעריבער האבען אלע פרובען אויסצוטענה'ן זיך און אפצעווארפען די אנטיסעמיטישע בעשולדיגונ-גען זעהר א קליינעם ווערט און קענען בשום אופן נישט האבען קיין ממשות'דיגע השפעה אויף דעם קעמפענדען אנטיסעמיטיזם, וועלכער וויל זיך קיינ-מאל נישט מודה זיין, און געוויים פערשטעהט ער עס על פי רוב אגב נישט, דאס איהם דריקט נאר און כמעט אויסשליסליך די יודישע קאנקורענץ!

בכלל דערמאנען די פראצעסען קעגען די אנטי-סעמיטישע בלבולים, אזוי ווי למשל דער נייעסטער פראצעס געגען דעם בלבול „זקני ציון", וואס איז פארגעקומען אין בערן, די אין מיטעלאלטער אזוי אפטע „וויכוחים" (דיספוטען) צווישען די קאטולי-שע געלערנטע טעאלאגען, דער עיקר, דאמיניקאנער גלחים, און צווישען די אנגעזעהענסטע יודישע גע-לערנטע. דאן אבער פלעגט די איניציאטיוו כמעט שטענדיג ארויסגעהן פון די קריסטליכע גייסטליכע, וועלכע האבען געהאפט צו „צעקלאפען" די יודישע ארגומענטאציע, כדי דורכדעם דערפיהרען דעם יו-דישען המון צום שמד... אזוי פלעגט מען דאס אפי-ציעל מאטיווירען; אין דער אמת'ן אבער האט מען זיך דאן אויך געיאגט א סך מעהר נאך די יודישע עשירות, איידער נאך דעם יודישען גאט, הגם דער רעליגיעזער מאמענט האט נאך דאן אין דעם אנטי-סעמיטיזם אפשר אויך געשפילט א גרויסע, על כל פנים נישט קיין בעדייטענדע ראל. די יודישע מתווכחים פון מיטעלאלטער האט מען געקענט אזוי ווייניג מקנא זיין, ווי זייערע חברים פון דער נייער און נייעסטער צייט, וואס פערפיהרען די פראצעסען געגען די רכילות - טרייבערישע אנטיסעמיטישע בלבולים, זעצענדיג זיך דערביי אויף דעם בעשולדי-גונגס-באנק.

אויפ'ן סמך פון דעם אויבענגעזאגטען בין איך אין דער מיינונג, אז בכלל איז דער נוצען פאר יו-דען פון אזוינע פראצעסען, ווי דער פראצעס געגען די בעוואוסטע פעלשער, מחברים פון „זקני ציון", זעהר א פראבלעמאטישער: די אויפגעקלערטע און געבילדעטע בעדארפען די אויפקלערונג נישט, און די פינסטערע עלעמענטען, וואס מען וויל צום פאג-ראם דורך דעם אנטיסעמיטישען אויסגעטראכטען בלבול, רעכענען זיך מיט קיין געריכטליכען פסק-דין נישט... פאר די אנטיסעמיטישע העצער אבער איז אזא פראצעס אנ'אמת'ער גליק, וואס גיט זיי די מעגליכקייט צו פערשפרייטען זייער העצע צווישען א זעהר גרויסען, בלינדען המון; דערצו שטרעבען זיי און מיר מוזען זיך היטען פון העלפען זיי אין זייער שמוציגער ערלאזער ארבייט.

זיכער איז אבער, אז עס קען זיך שאפען אזא לא-גע, ווען מיר קענען די אנטיסעמיטישע פראוואקא-ציע נישט פערשווייגען און מוזען דעם נידערטרעכטי-גען ארויסרוף אננעמען און פיהרען א פראצעס. דאן מוזען מיר, אזוי ווי דאס טוען אונזערע ערלאזע געג-נער, דורך מאסען-פובליקאציע, אפישען, פלוג-בלעט-לעך א. א. וו. אנטקעגנווירקען דער אנטיסעמיטי-שער העצע!

עס מוז נאך לסוף אויפגעוויזען ווערען אויף דעם גלענצענדען הויכקולטורעלען מצב פון דעם בית-דין אין בערן, וועלכער האט אויף דער גאנצער וועלט געמאכט אזא שטארקען רושם...

# עס דארפן אויסגעמיטן ווערן אינערליכע ערשיטערונגען

ד"ר טהאן שרייבט אין „נאדי דזשעננניק" וועגען דער אלס אקטועלער פראגע וואס וועט זיין איצט נאכ'ן טויט פון מארשאל פילסודסקי צווי-שען אנדערען פאלגענדעס:

„עס איז געשעהן! דאס אומגליק קען שוין נישט בעסער געמאכט ווערען. די ליוב אליין און די שטימונג, וואס זי האט ארויסגערופען אין גאנץ פוילען און אויף דער גאנצער וועלט האבען בעוויזען אז נישט קוקענדיג אויף אלעם, איז די ווירקליכקייט געווען מעכטיגער ווי די פאנטאזיע. ווי הויך מען האט נישט די דאזיגע געשטאלט געשטעלט אין דער פאנטאזיע, האט זי זיך אויפגעהויבען נאך העכער. אין דער טיפעניש פון דער נשמה האט געהערשט אזא פערעהרונג, אז דאס האט זיך געקענט אויס-לאדענען ערשט אין מאמענט פון העכסטען שמערץ.

...און איצט האט איהם שוין פוילען נישט און יאהרהונדערטער קענען פערגעהען, ביז עס וועט זיך ווידער בעווייזען אזא אויסערגעוועהנליכער מענש. וועגען איהם קען מען נאר אין א מאמענט נאכטראכטען, אבער מען קען איהם שוין נישט געפינען. עס האנדעלט זיך דעריבער איצט וועגען דעם: ווער זאל איהם פערטרעטען אין עפענטלי-כען לעבען?

און ווידער קען מען נישט און מען טאר זיך נישט לאזען פערפיהרען פון אזא קאנסטרוקציע, אז דער אדער די וועלען פערנעהמען און אויספי-לען זיין ארט. זיין ארט קען מען פערנעהמען, אבער נישט אויספיהלען. עס האנדעלט זיך נאר וועגען דעם צו געפונען אזא פסיכישען צושטאנד, וואס וועט זיין גענוג שטארק, פעסט און אונערשיטערליך; אז מען וועט קענען ביי איהם לעבען און ווירקען אזוי ווי ער וואלט נאך געשטאנען אויף זיין הויכען אמט. עס געהט וועגען א שנעלען און איילגען שאפען אזעלכע בעדינגונגען, וואס זאלען געבען א מילדערע אטמאספערע, א סך ווייניגער רויהע ווי די ביי וועלכער מען האט ביי איהם געקענט לעבען. ווען ער האט געהאלטען דעם רודער אין זיין אייגענער האנד, איז נישט געווען קיין סכנה, אויב עס האט געבלאזען א שטארקער ווינד, אפילו ווען ער האט זיך געשטארקט ביז צו א הוראגאן. אין זיין גריף האט זיך דער רודער פעסט געהאלטען און געהארכזאם געמוזט געהן דארט, וואוהין ער האט גערודערט. אבער א צווייטע אזא שטארקע און זיכער-רעהאנט איז פאראן ביי אונז און אויך נישט אנ-דערשוואו. ווי אזוי קען מען אבער פערזיכערען די שיף געגען שטורם, וואס בעדראהט איהר, ווי אזוי זי שיצען געגען די שרעקליכע כוואליעס, וואס הויבען זיך אויף ארום איהר? מיט איין ווארט: די פראגע איז, ווי אזוי דארף מען איצט רעגירען אין פוילען?

...די העכסטע אנערקענונג, וואס מען קען אין דעם מאמענט פון טרויער און שמערץ אויס-דריקען דעם פערשטארבענעם פיהרער וועט זיין דאס, אז זיין ווערק איז אונשטערבליך, וואס ער אלס שטערבליכער מענש אין זיין אינדיווידועלער עקזיסטענץ פערשטעהט זיך נישט געקענט דערגריי-כען. פוילען שטעהט אויף פעסטע פונדאמענטען און קען זיך אקעגענשטעלען אלע שטורמען, וואס וואלטען איהר נאר בעדראהט, סיי אינערליך סיי אויסערליך.

און דעריבער וועגען פוילענס גורל איז נישט פערהאן קיין נויטווענדיגקייט זייך בעזונדערס צו זארגען. דער דאזיגער גורל איז שטארק און פעסט עס האנדעלט זיך אבער וועגען דער וויטערדיגער ענטוויקלונג און וועגען דער אינערליכער דויער-האפטיגקייט, וואס דארף זיך ווייטער צוואקסען. עס געהט וועגען שאפען אזא פעסטקייט, ווי עס האבען די עלטסטע און מעכטיגסטע מלוכות. ווי אזוי מען קען דאס פשוט'ער אויסדריקען! עס געהט וועגען דעם צו שאפען פון פוילען אזא מלוכה-ארגאניזם ווי עס איז — ענגלאנד.

בכדי צו דערגרייכען אזא ענטגילטיגע פול-קאמענהייט, דארף מען פאקטיש נאך א סך צעמענט צוגעבען צום בנין. מען דארף פערפעסטיגען די יסודות. ווי אזוי קען מען דאס מאכען אהן איהם?

עס זענען פערהאן פאליטיקער, און זיי זענען אייגענטליך די איינציגע מאסגעבענדע — וואס מיי'ען, אז די נייע קאנסטיטוציע וועט ווערען דער דא יגער צעמענט, אז די נייע וואהל-ארדינאציע וועט שאפען די דאזיגע צענטראל-אינסטיטוציע, וואס וועלן שאפן דעם שטארקערן קאנצענטרירונגס צושטאנד. עס איז בעקאנט, אז די דאזיגע מיינונג ווערט שטארק בעקעמפט. גיכער ווארפט מען אין די ברייטע קרייזען אפ די איבערצייגונג, אז די נייע קאנסטיטוציע און בעזונדערס די פראיעקטירטע וואהל-ארדינאציע זאלען ווערען אזא פעסטער קלעפ שטאף, וואס זאל פערפעסטיגען דעם אינערליכען צוזאמענהאנג. נישט איינער פון די וואס זענען געגען די נייע עקספערימענטען, זענען טאקע צוליב דעם דאגעגען, ווייל זיי האבען מורא פאר אונ-געזונדע ערשיטערונגען, וואס זיי קענען ארויסרו-פען. זיי האבען פשוט מורא, אז עס וועט זיך שאפען אזא צושטאנד פון אונצופרידענהייט, אזא געפיהל פון געליטענער עולה, אז דאס וועט זיכער ווירקען אלס א צוטיילונגס-פאקטאר, ווי א פער-בינדונגס-פאקטאר.

זאגען מיר אזוי: ווען דער מארשאל וואלט געלעבט וואלט, סוף-כל-סוף, אזא צי אנ'אנדערער עקספערימענט געקענט זיין א מעהר אדער ווייניגער אונאנגענעהמער אינצידענט, אבער נישט קיין סכנה. איצט ווען ער איז נישט דא, דארף מען ערשט מורא האבען, אז יעדע אפילו קלענסטע אויפטרייס-לונג קאן ווערען שעדליך. און מען דארף דאך גע-דענקען, אז דאס איז נישט קיין שוואכע אויפ-טרייסלונגען, נאר אזעלכע, וואס בעוועגט טיף דעם וויכטיגסטען אינהאלט פון מלוכה'שען און געזעל-שאפטליכען לעבען.

ביי אזעלכע אויספיהרונגען וואס וואלט גע-ווען די לאגישע מסקנא?

למשל אזא בעשיידענער פארשלאג צו א גע-פעליגער וויטערדיגער בעטראכטונג: אפשר וואלט נישט געשאדט אפצולעגען ביי אזעלכע בעדינגונגען די ענטשיידענע אונטערנעהמונג פון אזא גרינדליכען איבערבוי פון דער וואהל-ארדינאציע א. אז. וו.?

עס איז, און עס דארף אין שייכות דערמיט בעטאנט ווערען, זעהר ספק'דיג צי דער מארשאל האט זיך בעצויגען צו די אלע געזעצגעבערישע עקספערימענטען פולשטענדיג פאזיטיוו. עס זענען פערהאן קלאנגען, וועלכע מען קען באטירליך נישט פעסטשטעלען, און נישט אפלייקענען, אז ער האט אויף די עקספערימענטען געקוקט אביסעל קריטיש. ער האט זיך אין די פראגען נישט געמישט, ווייל זייט 5 יאהר האט ער זיך נישט פערנומען מיט דער אינערליכער פאליטיק. ער האט זיך אויסגע-וועהלט צוויי ריזיגע אפטיילונגען פון דעם סיסטעם פון מלוכה-פראבלעמען — אויסערליכע פאליטיק און מיליטערישע ענינים, און נאר מיט זיי האט ער זיך פערנומען. פערשטעהט זיך, אז אזא אויפ-גאבע איז גענוג אפילו פאר אזא מעכטיגען גייסט, ווי עס האט געהאט יוזעף פילסודסקי. איבריגענס די צוויי געביטען זענען אויך אויסערגעוועהנליך גוט פערוואלטעט געווארען. א מעכטיגע ארמעע, מיט וועלכער די וועלט רעכענט זיך, און די פוי-לישע שטעלונג אין דער וועלט איז פונדאמענטירט און פערפעסטיגט, ווי א ערשט-קלאסיגע מלוכה. וועגען דער פריינדשאפט מיט פוילען בעמיהען זיך די שטארקסטע מלוכות. דאס איז דאס ווערק פון געניוס פון יוזעף פילסודסקי.

אין אזא צושטאנד קען מען זיך, וואס אנ'אמת פעררופען אויף דעם אויטאריטעט פון מארשאל, מען קען זיך אבער אויך אויף איהם פעררופען אין זייער פערטיידיגונג. דעריבער וועט קיינער נישט קענען איצט פערזיכערען, אז דורך אפהאלטען זיך אין איצטיגען מאמענט פון גרויסע ערשיטערונגען און גרינדליכע סטרוקטועלע ענדערונגען האנדעלט מען געגען דעם ווילן פון מארשאל אבער דאס איז אהן שום ספק אמת, אז אין אזא פאל וואלט מען אויסגעמיטען אינערליכע ערשיטערונגען, וואס זע-נען זיכער אין דעם מאמענט נישט געוואונשען.

עס איז קלאר, דאס עס איז נישט פארהאן קיין שום האפענונג, אז מיין פארשלאג זאל געפונען אנ'אפקלאנג אין די געהעריגע קרייזען. אבער עס דוכט מיר, אז עס לוינט זיך אזא מעגליכקייט צו בעריהרען, און זאל עס נאר זיין אפילו — פאר דעם קומענדיגען היסטאריקער..."

# ווארשעווער בעל-מלאכות קענען שוין בעקומען בעשטעטיגונגען וועגן „ערווארבענע רעכט"

### וויכטיגע דערגרייכונג פון פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה

ווארשא (יט"א) א דאנק די בעמיהונגען פון פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה, האט דאס האנדעלס- און אינדוסטרי - מי-ניסטעריום, — ווי בעקאנט — ארויסגעגעבען א ציר-קולאר צו אלע וואיעוואדזטוועס און האנדווערקער-קאמערן, אז די האנדווערקער, וואס האבען גע-פיהרט זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען אין יאהר 1927 קענען ארויסבעקומען האנדווערקער-קארטען, הגם זיי האבען זיך נישט פערערגיסטרירט ביז'ן 31. דעצעמבער 1934. ווי דאס אינדוסטרי-געזעץ האט דאס געפאדערט. אזוי ארום זענען אפגעראטעוועט געווארען פיל טויזענטער בעדראהטע האנדווערקער-עקזיסטענצען.

אין דער שטאט ווארשא האבען אבער ביז איצט די האנדווערקער נישט געקענט געניסען פון דעם דערמאהנטען צירקולאר, ווייל כדי צו קענען דער-ווייזען, אז מען האט געפיהרט אין 1927 א זעלבסט שטענדיגען האנדווערקער - ווארשטאט, האט מען גענארפט ביילעגען דער האנדווערקער - קאמער א בעשטעטיגונג. אזעלכע בעשטעטיגונגען גיבען ארויס אין גאנצען לאנד די גמינעס, בלויז אין ווארשא פלע-גען ארויסגעבען די סטאראסטוועס די דאזיגע בע-שטעטיגונגען. אבער אנהויב יאהר האבען די סטא-ראסטוועס אפגעשטעלט דאס ארויסגעבען די דאזי-גע בעשטעטיגונגען. אזוי ארום זענען זעהר פיל האנד-ווערקער געשטעלט געווארען אין א געפאהר צו פער-לירען זייער עקזיסטענץ.

נאך א רייה קאנפערענצען, וואס עס האט אפ-געהאלטען אין נאמען פון פעראייניגטן קאמיטעט דער יוריסקאנסול פון קאמיטעט ד"ר מיכאל וויכערט מיט דער אינדוסטרי-אפטיילונג פון מאגיסטראט (ווי-דזיאל פזשעמיסלאווי), רעגירונגס - קאמיסאריאט פון האנדעלס - מיניסטעריום, האט דאס מיניסטער-יום פעראָרדענט, אז די דערמאהנטע בעשטעטיגונ-גען זאלען ארויסגעגעבען ווערען דורך דער אינדו-סטרי-אפטיילונג פון מאגיסטראט.

אלע ווארשעווער האנדווערקער וואס האבען גע פיהרט זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען אין יאהר 1927 און בעזיצען נאך נישט קיין האנדווערקער - קארטען, דארפען, אין זייער אייגענעם אינטערעס, וואס גיכער זיך ווענדען נאך די נויטיגע אינפאר-מאציעס אין פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענ-ינים פון יודישער מלאכה — (ניעצאלע 8).

# קריזיס אין אמעריקאנער אנטי-סעמיטישער בעוועגונג

וואשינגטאן (יט"א) אויף דער לעצטער אפ געהאלטענער קאנפערענץ פון „בני ברית" אין די פעראייניגטע שטאטען איז אויספיהרליך ארומגע-רעדט געווארען די פערשפרייטונג פון דער אנטיסע-מיטישער בעוועגונג אין אמעריקע און דער קאמף געגען איהר.

ד"ר א. ל. סאקער, דער לייטער פון די „הילף-פונדיישנס" פון בני-ברית", וועלכע ענטוויקלען א קולטורעלע און רעליגיעזע טעטיגקייט צווישען די יודישע סטודענטען אויף די אמעריקאנער הויכ-שולען, האט בעריכטעט, אז די נאציס האבען פער-שטארקט זייער פראפאגאנדע אויף די אוניווערזי-טעטען און דערביי געביטען זייערע ארבייטס-מעטא-דען. אזוי ווי דאס סיסטעם פון צושיקען אגיטאטא-רען פון דייטשלאנד איז דורכגעפאלען, פרובען זיי איצט בעקומען בעסערע רעזולטאטען דורך א פא-ליטיק פון סיסטעמאטישען אויסשלוס פון סטודענ-טען און פראפעסארען, וועלכע ווערען אין דייטש-לאנד ענטשפרעכענד „בעארבייט".

א צווייטער רעפערענט ר. ע. גוטשטאדט האט בעריכטעט, אז אין אמעריקע צירקולירען איצט קרוב הונדערט אנטיסעמיטישע צייטשריפטען און פאמ-פלעטען. אין אלגעמיין הערשט אבער אין אנטיסע-מיטישען לאגער א שארפער קריזיס און צופאלונגס טענדענץ. די ארגאניזאציעס פון די „זילבערנע העמ דלעך" און „כאקי-העמדלעך" זענען אין שווערען מצב און געפינען נישט קיין געהעריגע פינאנציעלע און מאראלישע אונטערשטיצונג צווישען זייערע מיטגלידער.

# קאלאנעל לאאורענס

ער איז געווען דער מערקווירדיגסטער ענגלענדער פון אונזער צייט. א מענש א געהיימניש, א רעטעניש, און אפשר גאר נישט קיין מענש, א געשפענסט, ער האט דוכט זיך, אומעטום ארומגעשוועבט איבער דער בריטישער אימפעריע, איבער לענדער, איבער אלע טיילען פון דער וועלט, אט איז ער אין אינדיען און אט אין עגיפטען, ארץ ישראל, פערסיען, אראביען און אט גאר אין אפגאניסטאן. און אומעטום האט ער עפעס אויפגעטון, נישט סתם אבי וואס — נאר „געמאכט געשיכטע", דא האט ער אויפגעבונטעוועט א פאלק, דארט ארגאניזירט אנ'אויפשטאנד פון ווילדע שבטים, דא איינעם פון טראן אראפגעזעצט, דארט צעשטערט דעם שלום־בית צווישען פרידליכע שכנים. אומעטום האט זיין אומרואיגער בונטאדער גייסט עפעס אפגעטון. און עמיצען א „שפיצעל" אפגעטון. אין ענגלאנדס אינטערעס, נאטירליך. און דאך איז שווער געווען צו פאקען דאס געשפענסט. אונמעגליך געווען צו טרעפען איהם, צו זעהען איהם ביי דער ארבייט, ביים פייער ליגען, ביים אונטערצינדען...

און אויב ער איז יא געווען א מענש מיט א גוף — איז דאס געווען א מענש א דעמאן. מיט איבערמענשליכע כוחות. מיט א איבערנאטירליכער ענערגיע, מיט א טעפיסטאלישער קראפט פון אינטריגירען און איבעררייידען, מיט פענאמענאלע קענטענישען און פעהיגקייטען גייסטיגע און מאראלישע: א רייזענדער דורך מדבריות, א ליטעראט, א געלעהרטער, א מיליטערישער ארגאניזאטאר, א אריענטאליסט, א דיפלאמאט, א פאליטיקער, אנ'אגיטאטאר און א — שפיאן, ענגלאנדס גרעסטער שפיאן אין דער צייט פון קריג. און אפשר דער גרעסטער שפיאן פון דער וועלט־מלחמה. אראביש האט ער בעהערשט ווי זיין מוטער־שפראך ענגליש; אויף צוויי און צוואנציג אראבישע דיאלעקטען האט ער גערעדט און זיך געקענט פערשטענדיגען אזוי גוט מיט די ווילדע קינדער פון דער מדבר, די בעדואינער, ווי מיט אלע שבטים פון די פערשידענע אראבישע לענדער.

אט דאס איז געווען דער געהיימניספולער אונהיימליכער ענגלענדער, אפשר דער געהיימניספולסטער מענש פון אונזער צייט, קאלאנעל טאמאס עדווארד לאאורענס.

ער האט געהאט נאך אנדערע נעמען: שאאו און סמיט, ווי עס פאסט פאר א מענשען מיט אזוי פיל געזיכטער און מאסקעס. און עטליכע מאל איז ער שוין געשטארבען. א דריי־פיר מאל האט מען איהם שוין בעגראבען מיט מיליטערישע פאראדען, מ'האט זיך שוין זאגאר געקליבען צו שטעלען איהם א מצבה, — דעם פערדינסטפולען שפיאן, דעם אנפיהרער פון דער אראבישען אויפשטאנד. דעם פאטריאט און געלעהרטען. אבער אלעמאל איז ער ווידער אויפגעשטאנען תחית־המתים, אט דער אונהיימליכער ענגלענדער, און אלעמאל נאטירליך ערגיץ אנדערשוואו אויף אנ'אנדער פונקט פון אונזער ערד, אונטער אנ־אנדער נאמען און אין אנ'אנדער מאסקע.

איצט, משמעות, איז ער טאקע געשטארבען אויף אנ'אמת. אזוי לכל הפחות רעכענט מען. אזוי פערזיכערט די ענגלישע פרעסע; זי ברענגט בעגלויבטע פאקטען און דאטען.

מסתמא מוז עס זיין אנ'אמת..

* * *

## דער געהיימניספולער ענגלענדער און אראבער־פריינד

### פון ישעיה אוגער

אין קאלאנעל לאאורענס געווען א פשוטער אוואנטוריסט? —אדער א פרייהייטס קעמפער? — האט ער שפיאנירט, אינטריגירט און געבונטעוועט אין אויפטראג פון ענגלאנד? — אדער האט ער געהאט די אמביציע צו ווערען דער פירשט פון ווילדע שבטים? — א דיקטאטאר אין דער מדבר? — אדער צו העלפען די אראבער צו ווערען זעלבסטשטענדיג, צו שאפען א פאנאראבישע מלוכה?

ס'איז שווער צו ענטפערען אויף די פראגען. דער אונהיימליכער ענגלענדער איז געבליבען א געהיימניש, פערשלאסען און פערחתמעט ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען, פון זיינע שריפטען קען מען זיך ווייניג וואס דערוויסען.

איין זאך אבער איז זיכער: ער איז געווען א גרויסער אראבער פריינד. און במילא פערשטעהט מען שוין, אז ער איז געווען א געגנער פון ציוניזם, פון דער יודיש־נאציאנאלער היים.

צוויי ענגלענדער האבען אין דער מלחמה צייט געהאט א זעהר גרויסע השפעה אויף ענגלאנדס פאליטיק אין נאהענטען מזרח, בעזונדערס אויך אויף דער פאליטיק אין ארץ ישראל. איינער פון זיי איז געווען דער אומפערגעסליכער מארק סאיקס, דער פיהרער פון דער מזרח אפטיילונג ביים ענגלישען אויסערן מיניסטעריום אונטער לארד באלפורס פערוואלטונג. סאיקס איז געווען א שטרענגער קאטאליק, א גרויסער אידעאליסט א פריינד פון ציוניזם, און פון יודען בכלל. איהם איז בעשערט געווען צו זיין דער סנדק ביי דער געבורט פון דער באלפור דעקלאראציע און אזוי ארום מיטצוהעלפען צו רעאליזירען די פאליטישע פאדערונגען פון די ציוניסטען.

דער צווייטער איז געווען קאלאנעל לאאורענס. דער ארגאניזאטאר און אנפיהרער פון אראבער־אויפשטאנד געגען טערקיי אין דער צייט פון דער מלחמה. א אויסגעצייכענטער קענער פון מזרח און די מזרח־שפראכען פון דעם לעבען און די זיטען פון די אראבישע שבטים האט ער אליין ארגאניזירט דעם אויפשטאנד פון די בעדואינער, זיך געשטעלט אן זייער שפיץ אלס אויבערקאמאנדיר און מיט זייער הילף פערפאלגט די פעראייניגטע טערקיש־דייטשע ארמעע ביז ער האט זיי אינגאנצען פערטריבען פון יענעם פראנט־שטח.

בלעטערט מען אדורך קאלאנעל לאאורענסעס ווערק „דער אויפשטאנד אין דער מדבר" אט די מאדערנע אדיסעע פון אומגלויבליכע טאטען און פאסירונגען אינמיטען די גליהענדיגע זאמדען פון דער וויסטע ארום און אין א"י, ווערט באמת אונהיימליך. עס איז איינפאך נישט צו גלויבען: אזא סוגעסטיווע קראפט, אזא היפנאטיזירענדיגען איינפלוס אויף זיין ווילדע ארמעע, אזוי פיל ענערגיע, געדולד, אויסגעהאלטענקייט, אזא כח פון ווילען, אזא אומדערשראקענקייט, אזא עקשנות, אזא ווידערשטאנדס פעהיגקייט אין איין פערזאן פעראייניגט — דאס איז ווירקליך שיער נישט א איבערנאטירליכע ערשיינונג, וויפיל צרות האט ער אנגעטון זיינע פיינד. אין וויפיל „פולאפקעס" האט ער זיי אריינגענארט, וויפיל פלענער זייערע האט ער צעשטערט און אין מפלות פערוואנדעלט אט דער אונהיימליכער ענגלישער בעדואינער־גענעראל אין אראבישער קליידונג, אויף א קעמעל רייטענדיג נישט האבענדיג קיין הארמאטען, קיין עראפלאנען און טאנקס אויסער זיין קאלטבלוטיגקייט, זיין מוט און זיין גלויבען אין זיך. וויפיל וועגען האט ער צעשטערט, וויפיל פערבינדונגען איבערגעריסען, וויפיל אויפרייסונגען אדורכגעפיהרט אין דער וויסטעניש, וואו עס איז קיין וואסער נישט געווען, פראוואצירענדיג דא און דארט די פיינדליכע אפטיילונגען צום קאמף און פערניכטענדיג זיי ביסלעכווייז אין די דאזיגע „מיניאטור־שלאכטען" אין דער גהינום־היץ פון דער מדבר.

וויפיל איז איהם אויסגעקומען, איהם און זיינע חיילות, צו לידען פון היץ און פון קעלט, פון מאנגעל אין וואסער, אין לעבענס־מיטלען און אמוניציע, נישט האבענדיג קיין ריכטיגע פערבינדונג מיטן הינטערלאנד און זייענדיג אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע געפאהרען. און וויפיל האט ער אליין, דער ענגלענדער, געוועהנט צו קאמפארט, געליטען אויף דעם מארש דורך דער מדבר, פערברענגענדיג שרעקליכע טעג און נאך שרעקליכערע נעכט, אין ענגע, שטיקענדיגע און אומריינע צעלטען אינאיינעם מיט זיינע בעדואינער, און וויפיל כח און ארבייט האט ער אוועקגעלעגט אויף אויסצומושטירען די ווילדע און אומדיסציפלינירטע קינדער פון דער מדבר און מאכען פון זיי א מעהר־ווייניגער ארגאניזירטען מיליטערישען כח.

בכדי צו מאכען זיך א בעגריף ווי אזוי מיט דעם ווילען און עקשנות פון איין מענשען איז דאס אלץ געשעהן דארף מען לייענען קאלאנעל לאאורענסעס „דער אויפשטאנד אין דער מדבר" — לייענען און שטוינען און אפשר אויך בעוואונדערען.

צוליב וואס האט ער זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דעם דאזיגען אויפשטאנד? — מיט וואס דערקלערט זיך זיין ברענענדיגער בעגעהר צו פערניכטען די הערשאפט פון די טערקען? —

ס'איז קלאר: בכדי צו זיכערען פאר ענגלאנד ארץ ישראל, דעם דאזיגען וויכטיגען סטראטעגישען שטיץ־פונקט אויפן וועג צו דער ענגלישער קרוין־קאלאניע — אינדיען. לאאורענס וואלט אבער קיינמאל נישט געקענט שאפען קיין בעדואינער ארמעע, ווען ער גיט נישט קיין הבטחות די אראבער, ווען ער זאגט זיי נישט צו אין נאמען און מיטן הסכם פון דער ענגלישער רעגירונג צו שאפען א פעראייניגטע מלוכה פון אלע אראבישע לענדער — א פאן־אראבישע מלוכה.

דער ענגלישער אויבער־שפיאן קאלאנעל לאאורענס האט נאך זייענדיג אין עגיפטען אנגעקניפט בעציהונגען מיטן גרויס שעריף הוסיין, דעם שפעטערדיגען קעניג פון העדזשאס, און איהם צוגעזאגט צו מאכען איהם פארן הערשער פון דער פאנאראבישער מלוכה. אויב ער וועט איהם שטעלען צו זיין דיספאזיציע א געהעריגע ארמעע, לאאורענס האט זיך בעפריינדעט מיט הוסיינס זיהן פייזאל, אבדולא און אלי און האט זיי אויך דורך געהעריגע הבטחות פעראינטערעסירט מיט זיין פלאן. איבריגענס האט מען זיך אויך בענוצט מיטן אלטען אויסגעפרובטען און אממעהרסטען ווירקזאמען מיטעל אין דער מזרח פאליטיק — מ'האט געגעבען געלד. אין הוסיינס קאסע האבען אנגעהויבען ביסלעכווייז אריינפליסען היפשע קוואנטומס גאלד פון דער ענגלישער באנק אין לאנדאן.

אט אזוי איז צושטאנד געקומען דער אזוי בעריהמטער „אויפשטאנד אין דער מדבר".

* * *

ס'איז אנ'אלטע זאך: די ענגלישע אדמיניסטראציע אין די קאלאניעס קימערט זיך וויניג וועגען די פעראָרדנונגען און בעשלוסען פון דער לאנדאנער צענטראל־רעגירונג, עס טרעפט זעהר אפט אז די אדמיניסטראציע האט קיין אהנונג נישט וועגען די אדער יענע בעשלוסען, די רעכטע האנד ווייסט נישט וואס די לינקעטע". די ענגלישע קאלאניאל־געשיכטע ווייסט צו דערצעהלען מאנכע אינטערעסאנטע זאכען — צו וואס דאס דאזיגע פערהעלטעניש צווישען דער צענטראל רעגירונג און קאלאניאל אדמיניסטראציע האט שוין דערפיהרט.

אין דער צייט פון קריג זענען די „מיספערשטענדנישען" אמבולטסטען ארויסגעטרעטען, פון איין זייט האט די ענגלישע מיליטער מאכט אין עגיפטען דורך איהר „הויפט אגענט" קאלאנעל לאאורענס אין נאמען פון דער רעגירונג געמאכט הבטחות הוסיינען און אויפגעהעצט די אראבער, צערייצט אין זיי די נאציאנאלע לײדענשאפטען, פון דער אנדערער זייט האבען אין דער זעלביגער צייט די ענגלישע און פראנצויזישע רעגירונגען פונאנדערגעטיילט צווישען זיך ארץ ישראל אין איינפלוס ספערען. מ'האט געשלאסען דעם אזוי־גערופענעם סאיקס־פיקא־אפמאך. א חוץ דעם האט ענגלאנד געגעבען די באלפור דעקלאראציע און איבערגענומען בעשטימטע התחייבות'ן לגבי די יודען.

ווען דער קריג האט זיך געענדיגט און הוסיין איז געקומען איינמאהנען זיין חוב לויט דעם אויסגעשטעלטען וועקסעל — האט די ענגלישע רעגירונג נישט געוואוסט וואס צו טון. וועגען א פאנאראבישע מלוכה האט שוין קיין שום רייד נישט געקענט זיין. דאס רוב אראבישע לענדער זענען שוין געווען „בעזעצט".

קאלאנעל לאאורענס דער דזשענטעלמען, נישט קענענדיג איינהאלטען זיין ווארט, האט גענוצט זיין גאנצען איינפלוס אויף דער ענגלישער רעגירונג בכדי צו געבען א סאטיספאקציע זיינע אראבישע פריינד, און מיט איהם האט מען זיך גערעכענט. און אזוי האט הוסיין בעקומען א נייעם טיטעל „קעניג" פון העדזשאס, איין זוהן זיינער פייזאל איז געווארען קעניג פון איראק, דער צווייטער אבדולא — עמיר פון עבר הירדן, אזוי ארום איז א דאנק לאאורענסען עבר הירדן אפגעריסען געווארען פון ארץ ישראל.

פון דעמאלט אן ווערט ער דער געגנער פון דער

(ווייטער זעה 20־טע זייט)

# פאנטאזיע און ווירקליכקייט

## (געדאנקען און בעטראכטונגען)

### פון ד"ר א. גינזבורג

פאנטאזיע און ווירקליכקייט ווערען געוועהנליך פערשטאנען ווי צוויי גאנץ בעזונדערע זאכען, וואס נישט בלויז האבען זיי צווישען זיך קיין שום בעריהרפונקט נישט, נאר וואס שליסען נאך דערצו איינע די אנדער אויס, פאנטאזיע איז נישט ווירקליכקייט, און ווירקליכקייט איז נישט פאנטאזיע. זיי ביידע קענען זיך קיינמאל נישט בעגעגענען.

דאכט זיך מיר, אז דאס איז נישט אינגאנצען אמת. דאכט זיך מיר, אז אין מענשליכען לעבען, איבערהויפט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון דעם מענשען, איז די שייכות צווישען פאנטאזיע און ווירקליכקייט זעהר א נאהענטע, נישט בלויז שליסען זיי איינע די אנדערע נישט אויס, נאר פערקעהרט, גאנץ אפט דערפילען און דערגענצען זיי איינע די אנדערע.

לאמיר עס מאכען קלאר. דאס וואס מיר רופען „ווירקליכקייט" מענשליכע ווירקליכקייט, איז נישט קיין שטענדיגע דערשיינונג, וואס איז אזוי בעשאפען געווארען פון דעם ערשטען טאג אן און וואס וועט אזוי בלייבען ביז די ענדע פון די טעג. אונזער ווירקליכקייט, די מענשליכע ווירקליכקייט, איז א נישט־פערענדיגטע זאך. וואס האלט זיך אין איין בייטען און אין איין ענדערען. די ווירקליכקייט פון היינט איז אנ'אנדערע, ווי די ווירקליכקייט וואס איז געווען מיט הונדערט יאהר צוריק. און די ווירקליכקייט פון הונדערט יאהר שפעטער וועט מסתמא זיין א גאנץ אנדערע ווי אונזער איצטיגע ווירקליכקייט, די ווירקליכקייט, אויב מען קען מאכען אזא פערגליך, איז א שטראמיגער טייך און נישט קיין פערגליווערטער ים המלח. די וואסערען בייטען זיך. די וואסערען פון היינט זענען נישט די וואסערען פון נעכטען. די ווירקליכקייט, אונזער מענשליכע ווירקליכקייט איז די ווירקליכקייט וואס מיר בעשאפען פאר זיך.

און די שעפער פון אונזער זיך־בייטענדער ווירקליכקייט זענען די מענשען, וואס פערמאגען פאנטאזיע, וואס בעזיצען געניג פארשטעלונגס קראפט צו מאכען זיך פארשטעלען אנ'אנדער ווירקליכקייט. ווי די וואס עקזיסטירט, דאס זענען דערייבער די מענשען מיט פאנטאזיע, וואס קירעווען און טרייבען די ווירקליכקייט אין א בעשטימטער ריכטונג און גיבען איהר א בעשטימטען פנים.

דער מענש מיט פאנטאזיע איז פון נאטור־אויס אנ'עקסטרעמיסט. ער לעבט אין א וועלט פון זיין אייגענער פאנטאזיע. אין א וועלט פון זיין אייגענער שאפונג, אין א וועלט וואו עס זענען נישטא קיינע שוועריגקייטען און קיינע אונמעגליכקייטען. ער האלט שטענדיג פאר זיינע אויגען דעם „ענדציל". ער קוקט דעריבער מיט פעראכט אויף דעם פראקטישען טוער, וואס רעכענט זיך בלויז מיט דער ווירקליכקייט, ווי זי איז און נישט ווי זי קען אדער דארף זיין. צווישען איהם און דעם פראקטישען טוער איז דעריבער א שטענדיגע מלחמה, דער עקסטרעמיסט בעטראכט דעם פראקטישען טוער ווי א פשרה־מאכער, אויב נישט ווי א פעררעטער, דער פראקטישער טוער, פון זיין זייט, בעטראכט דעם עקסטרעמיסט ווי א פאנטאזיאר, ווי א טרוימער, וואס שטערט איהם אין זיין ארבייט.

די דאזיגע שטענדיגע מלחמה צווישען דעם טרוימער און דעם פראקטישען טוער צווישען פאנטאזיע און ווירקליכקייט, איז אבער זעהר נוצליך, דער טרוימער מעג מיט זיינע פאנטאזיען טאקע מיט זיינע אונמעגליכע פאנטאזיען, טוט אין דער אמתען אויף א גרויסע און נוצליכע ארבייט — טאקע א פ ר א ק ט י ש ע ארבייט, ער דערלאזט נישט אז דער פראקטישער טוער זאל פערגליווערט ווערען, ער איז עס דער הייווען אין דעם טייג, די „שאור שבעיסה", וואס רופט ארויס בעוועגונג און לעבען אין דעם טויטען טייג. אהן דעם הייווען איז דער טייג נישט מעהר ווי טייג.

עס איז אמת, דער חלום פון דעם טרוימער ווערט קיינמאל נישט פערווירקליכט אין אלע זיינע פרטים. אבער זיין איינפלוס און בעדייטונג איז פון דער גרעסטער פראקטישער וויכטיגקייט, ווייל ער איז די טרייב קראפט וואס דערלאזט נישט אז די ווירקליכקייט זאל פערגליווערט ווערען.

און וועה איז צו יענער בעוועגונג סאציאלע צי נאציאנאלע, עקאנאמישע צי פאליטישע, וואס האט נישט צווישען זיך קיינע טרוימער, וואו אלע זענען געווארען פראקטישע פאליטיקער. אזא בעוועגונג מוז פריהער אדער שפעטער אינגאנצען אפשטארבען. זי מוז ווערען פערגליווערט אין איהר אייגענער אום בעוועגליכקייט.

דער פראקטישער פאליטיקער מוז פיהלען אויף זיינע פלייצעס דעם בייטש פון דעם טרוימער־עקסטרעמיסט, כדי ער זאל נישט פערזונקען ווערען אין דעם זומפ פון זיין „פראקטישקייט"..

לאמיר אילוסטרירען דעם דאזיגען געדאנק מיט א ביישפיל פון דער יודישער געשיכטע.

דער חלום פון יודישער זעלבסטשטענדיגקייט און יודישער דערלייזונג אויף זיין אייגען לאנד איז א גאנץ אלטער, ער איז כמעט אזוי אלט ווי דאס יודישע פאלק גופא.

דער גרעסטער טרוימער פון דער יודישער נאציאנאלער אויפלעבונג איז געווען י ש ע י ה דער צווייטער אדער „דער דריטער", ווי מאנכע ווילען האבען. ער איז אפשר געווען דער גרעסטער פאעט, וואס דאס יודישע פאלק האט ווען־עס־איז פון זיך ארויסגעגעבען, ער איז אויך געווען דער עקסטרעמסטער אין זיינע נאציאנאלע האפענונגען. אין זיין גליהענדער פאנטאזיע האט ער זיך געמאלען די גראנדיעזסטע און הערליכסטע בילדער וועגען דער יודישער דערלייזונג.

איז איבריג דא צו דערציילען אז זיין חלום איז נישט אינגאנצען פערווירקליכט געווארען, ישעיהס חלום איז נישט פערווירקליכט געווארען, אבער דער חלום גופא איז געווארען א שטיק ווירקליכקייט דער חלום פון ישעיה איז געווארען דער חלום פון דעם יודישען פאלק. דאס איז געווען אט דער דאזיגער חלום, דער חלום פון א משיח און דערלייזער, וואס האט דעם יודישען פאלק געגעבען מוט און כוחות אריבערצוטראגען די אלע צרות און פייניגונגען, וואס עס האט געהאט אריבערצוטראגען אין משך פון טויזענטער יאהרען, אהן דעם דאזיגען חלום וואלט דאס יודישע פאלק שוין לאנג נישט עקזיסטירט. דער חלום איז געווארען די טרייב־קראפט פון דעם לעבען.

איז דאס נאך ווייניג, איז דער דאזיגער חלום, דער משיח־חלום, ארויס פון די גרעניצען פון דעם יודישען פאלק און איז געווארען א וועלט־ חלום. דאס קריסטענטום איז דער יודישער משיח־חלום אין דער נישט־יודישער וועלט.

מיטן קריסטענטום האט זיך דער דאזיגער משיח חלום נישט געענדיגט, פונקט ווי ער האט זיך מיט איהם נישט אנגעפאנגען, עס זענען געווען משיחים פאר יעזוסען און משיחים נאך איהם, משיחים זענען געווען אלערליי. — משיחים וואס זענען געקומען מיטן שווערד, און משיחים וואס זענען געקומען מיט דעם ווארט. די משיחים זענען געקומען און פערשוואונדען. אבער דער חלום איז געבליבען. דער חלום האלט נאך אן ער האלט נאך אן און ווירקט. ווי א שאפענדע קראפט אין ווירקליכקען, רעאלען לעבען. דער אלטער חלום האט בלויז געביטען זיין אויסערליכער בגד. פון אנ'איבערנאטירליכער „גאולה" איז געווארען א נאטירליכער ציוניזם...

דאכט זיך מיר מאנכעס מאל, אז פאנטאזיע איז אפט ווירקליכער ווי ווירקליכקייט..

# געשיכטע פון יודען אין לאדז

## די ראל פון די יודישע וואל־סוחרים אין דער ענטוויקלונג פון דער לאדזער אינדוסטריע

## פון ד״ר פ. פרידמאן

(נאכדרוק פערבאטען)

„די בעשעפטיגונג פון גרעסטען טייל יודען אין לאדז איז א דאפעלטע, דהיינו: צושטעלען מאטעריאלען צו דער ארבייט און די עקספלואטאציע פון די אויסארבייטונגען. אנ׳אויפגאבע איז דאס נישט קיין קליינע, ווייל צו א כסדרדיגען צושטעלען פון מעבר־לים ארטיקלען מוז מען בעזיצען א נישט קיין קליינער זאך־פערשטענדניש, קענטניש פון וויטע געגנטען, ברייטע בעציהונגען און פערשידענע ווענדונגען...

און, קודם כל — אנ׳אומבעגרעניצטען און אויף א פערטרויען באזירטען קרעדיט אין ענגלאנד. דאס פערקויפען ווידער פון די פאבריקאטען פערלאנגט א נישט קיין קלענערע קאמוניקאציע מיט די סוחרים, סיי אין קעניגרייך, סיי אין קייזערטום, וועלכע קויפען נאר אויף קרעדיט, וועלכען די פאבריקאנטען זענען נישט בכוח צו דערטיילען און דא — מוז ווייטער קומען דער נעגעציאנט און ווערען דער פערמיטלער אין דער בעוועגונג. עס אונטערליגט זיכער נישט דעם מינדסטען ספק די גרויסע פערדינסטען פון די פאבריקאנטען אליין, מען קען אבער אויך גלייכצייטיג פעסטשטעלען אז אהן די דאזיגע, שטארקע פערמיטלערס, וואלט קיינמאל די פאבריק־שטאט נישט געקומען צו דער אויסגעצייכענטער מדרגה, מיט וועלכער זי רוהמט זיך איצט“.

מיט די דאזיגע ווערטער הויבט אין 1862 דער קארעספאנדענט פון דער ווארשאווער „יוטשענקא“ אן די כאראקטעריסטיק פון דער ווירטשאפטליכער ראל פון די לאדזער יודען. דן כאראקטעריסטיק איז אין א בעדייטענדיגער מאס. א זעהר טרעפליכע. ווי מיר האבען שוין אויף אנ׳אנדער ארט פעסטגעשטעלט האט א העלפט פון יודישע סוחרים זיך בעשעפטיגט מיטן מסחר פון גארן און פון טעקסטיל אויסארבייטונגען, די דאזיגע האנדעלס־צווייג האט זיך, זעלבסטפערשטענדליך אזוי געוואלטיג ענטוויקעלט ערשט אין דער עפאכע, ווען לאדז האט זיך אינדוסטריאליזירט, דאס הייסט, נאכן יאהר 1823.

ביזן יאהר 1823 אין וועלכען עס האט זיך אנגעהויבען די דייטשע אימיגראציע, איז וועבעריי אין לאדז, העכסטווארשיינליך געוועזן אנ׳אומבעקאנטע בעשעפטיגונג (אלס זעהר כאראקטעריסטיש, גיט סטעבעלסקי אן דעם פרט, וואס צווישען דעם גרויסען לעבעדיגען אינווענטאר פון דער לאדזער, פויערישער בעפעלקערונג, האבען אין 1793 זיך נישט געפונען קיין שעפסען און ער קומט דעריבער צו דער מסקנא אז צו יענער צייט איז אין לאדז נישט געוועזן קיין איין וועב־שטוהל), דעריבער טאקע הערען מיר פון די ערשטע לאדזער וואל־סוחרים, גענוג שפעט. אין די אקטען בעגעגענט מען צום פריהעסטען, אין יאהר 1820 דעם וואל־סוחר משה וואלקאווימש — ליפסקי.

די ענטוויקלונג פון דער וועבעריי אינדוסטריע, זייט 1824 דערפיהרט צום מסחר מיט וואל, וועלכער איז, הפנים, געוועזן א שטארק לוינבארער, די פערמעגליכע יחידים פונם יודישען סוחרים קרייז. אין 1824 טראגט למשל, איינער פון די רייכסטע יודישע סוחרים, מענדעל ארבאך, אריין א בקשה אום א דערלויבעניש אויף וואל־מסחר, אייניגע יודישע סוחרים טרעטען ארויס, לגבי די נישט־סיטואירטע דייטשע וועבער, אין דער ראל פון קאפיטאליסטען, דערטיילענדיג זיי הלוואות ווי למשל, לוי בראנאווסקי, וועגען וועלכען עס שרייבט דער לאדזער בירגערמייסטער (30 דעצעמבער 1824) אז ער איז אויסבערצייגט וועגען דער זארגפעלטיגקייט פונם דערמאנטען יוד, וועלכער ווירקט מיט צו דעם וואוקס פון דעם נייען ישוב, דורך עטליכע־מאליגע אונטערשטיצונגען צו די אנגעקומענע האנד־ארבייטער“.

עס איז זעהר אפט וועניג נוטה לאמת, אז בראנאווסקיס הלוואות זאלען האבען געטראגען אויסשליסליך א פראצענט כאראקטער, ווייל אינם דאזיגען פאל וואלט דער לאדזער בירגערמייסטער נישט אזוי שטארק געלויבט זיין „זארגפעלטיגקייט“. העכסטווארשיינליך איז בראנאווסקיס ראל געוועזן א מעהר קאמפליצירטע; ער האט די וועבערס דערטיילט קרעדיט, נישט בלויז אין געלד, נאר אויך אין רויה־מאטעריאלען און די פארם פון דעם וועבערס אפהענגיגקייט איז איהם איז אפשר שוין געוועזן מעהר דערנעהנטערט צום לוין־סיסטעם. אונזערע השערות זענען מיר סומך אויף דער אנאלאגיע מיט די בעציהונגען, וועלכע האבען עקזיסטירט אין אנדערע, שכנישע אינדוסטריע־צענטערס אין קעניגרייך. צוליב דעם, וואס מיר געפינען נישט אין די אקטען קיין מאטעריאלען וועגען די בעציהונגען צווישען די סוחרים און וועבערס אין לאדז, מוזען מיר, ביים פארשטעלען אט די ענינים, זיך סומך זיין אויף דרייבערע מאטעריאלען, פון אנדערע שטעט. די גערייקייט פון דער בעשרייבונג וועט דערפון נישט לייד, ווייל די אינערליכע בעציהונגען פון לאדז און די ארגאניזאציע פון וואל־מסחר האבען זיך נישט אויף א סך, געקענט אונטערשיידען פון די בעציהונגען, וועלכע האבען עקזיסטירט אין די ארומיגע שטעט און פאבריקס ישובים.

דער וואל מסחר האט זיך, העכסטווארשיינליך, שוין אין די צייטען פון דער רעפובליק געפינען הויפטזעכליך אין יודישע הענט. אבער די מעטארעס וואס זענען אנגעווענדעט געווארען דורך די וואל סוחרים האבען שוין דעמאלט ארויסגערופען פראטעסטען, מצד די וועבערס אין גרויס־פוילען וואו עס האט. צו יענער צייט געשטעקט דער טעקסטיל. די פראטעסטען האבען דערפיהרט צו בעגרעניצונגען און צו גזירות געגען די יודישע סוחרים, (אין 1567 האט דער פערבאנד פון גרויס־פוילישע שטעט מיט פויזען בראש, זיך געווענדעט צום קעניג זיגמונט אויגוסט מיט דער בקשה אז ער זאל פערוועהרען פאר יודען דעם איינקויף פון וואל. נאכקומענדיג דער בקשה האט דער קעניג אזא פערבאט ארויסגעגעבען און האט דערביי בעמערקט אז „יודען, די אויפקויפערס פון דער ארבייט פון די טוכמאכערס אין פויזען און אנדערע שטעט וועלכע געהערען צו דעם פערבאנד, טון זיי אויף אזוי פיל שטערען אז זיי לויפען איבער די דערפער און שטעט בעתן וואל־שער, קויפען אויף די גאנצע שאף־וואל און דערלויבען נישט קיינעם צוצוקומען אויפן עפענטליכען מארק, כדי די וואל צו פערקויפען, נאר זיי, האבענדיג איינגעקויפט די וואל, פערקויפען זיי איהר שפעטער צו די טוך־מאכער אין פויזען לויט דעם פרייז ווי עס געפעלט זיי“).

די גזרות אבער האבען הפנים, וועניג־וואס געהאלפען, ווייל שוין אין די ערשטע צייטען פון דער דייטשער אקופאציע או זאין דער עפאכע פון ווארשעווער הערצאגטום זענען יודען ווייטער די הויפט סוחרים פון וואל און עס געהען ווייטער קעגען זיי די דייזעלבע בעקלאגונגען (אין זיין בקשה צו דער רעגירונג, אין די צייטען פון ווארשעווער הערצאגטום, שרייבט דער טוך־פאבריקאנט ציגלער: (די יודען האבען דערמאזיגען (וואל) האנדעל צוגעצויגען צו זיך און, קויפענדיג די וואל אויף די שאף, ווענדען זיי אן אלע מיטלען אום איהר צו פעלשען“). דעריבער, אז עס האבען אין די צייטען פון קעניגרייך פוילען אנגעהויבען צו ענטשטעהן נייע אינדוסטריע־צענטערס האבען די יודישע סוחרים שוין געהאט א שטארקע פאזיציע אין וואל־האנדעל. אין זייערע הענד האט זיך געפונען דער גאנצער מסחר פון היימישער וואל אבער די היימישע וואל, וועלכע איז אגב געוועזן אין א גענוגענדיגען סכום, האט זיך נישט געאייגנעט פאר דער אויסארבייטונג פון בעסערע וועב־שטאפען און מען האט אלזא געמוזט אריינפיהרען אויסלענדישע וואל. אין דער ריכטונג האט די רעגירונג זיך בעמיהט אומאפהענגיג צו מאכען די וועבערס פון די סוחרים דערמיט, וואס זי האט, אין 1822 געגרינדעט אין ווארשע די א״ג, שווענטאיאנסקע יאהרמערק, פון וואל. דאך, איינגעקויפט וואל אויף די יאהרמערק האבען נאר די גרעסערע פאבריקאנטען. די ארימערע דאגעגען זענען נישט אום שטאנד געוועזן, נישט צו מאכען אזא ווייטע נסיעה אום איינצוקויפען רויה־שטאפען און נישט זיי זענען געוועזן בכוח צו מאכען איינמאליגע, גרעסערע קניות און אין לאנד האט דאמינירט (צווישען די פאבריקאנטען) די ארעמקייט, וועלכע איז פון זייער היימאטלאנד (דייטשלאנד) פעריאגט געווארען קיין פוילען א דאנק דער ארבייטסלאזיגקייט, נויט, צוליב דער דראהענדיגער ענגלישער קאנקורענץ, דורכן אנוועהר פון אפזאץ־מארק, צוליבן קריזיס, יקרות, הויכע שטייערען און צוליב דער שעדליכער, פאר דעם קליינעם האנדווערק, אינערליכער פאליטיק פון דער פרייסישער רעגירונג, און זיי האבען זיך געקענט פערזעהען מיט וואל נאר ביי יודישע סוחרים, וועלכע האבען זיי געגעבען רויה־שטאפען אויף קרעדיט, נעהמענדיג פון זיי פון 1—2 פראצ. א חודש.

---

# מיינע אינטעליגענטע סובלאקאטארען!...

## דערצעהלט פון א לאדזער יוד

## פון י. אבערזשאנעק

רבותי, אפשר ווייסט איהר ווער ס׳האט אויסגעקלערט סובלאקאטארען? ווען איך וואלט געוואוסט ווער ס׳האט דאס אויסגעטראכט, וואלט איך איהם געהייסען דערשיסען, און טאמער איז ער שוין טויט, זאל ער קיינמאל פון גהינום נישט ארויסקומען...

איהר ווייסט דען וואס דאס איז פארא צרה? איהר ווייסט, וואס דאס איז פאר אנ׳אומגליק אין דער שטוב? טאמער נעהמט איהר אריין סובלאקאטארען, זענט איהר אנ׳אומגליקליכער אויף אייער גאנץ לעבען. טאמער לאזט איהר זיי איבער דער שוועל זענט איהר אוים בעל הבית. אוים מאן, אוים פאטער. איהר ווערט א לאקיי, א סטרוזש, א דינסט, א שקלאף. דער בעל הבית איז ער, דער סובלאקאטאר, נישט איהר!

וועגען וואס זאג איך דאס? טאקע וועגען מיינע סובלאקאטארען.

— הערש בער, האט מיין יודענע אנימעלטען געזאגט צו מיר. פארוואס טון מיר נישט אזוי ווי אלע אנדערע טון?

— וואס טון אנדערע? האב איך זי געפרעגט.

— אנדערע מוטשען זיך נישט אין איין שטוב מיט א קוך אזוי ווי דו. אנדערע דינגען גרויסע דירות, דריי אדער פיר שטובען מיט א קוך, מיט אלע וויגאדעס, און פערדינען נאך ביים עסק.

— ווי אזוי?

— גאר פשוט: מ׳נעהמט אריין סובלאקאטארען. צאהלען זיי ס׳דירה געלד. וואוינט מען אין א לייטישע דירה און מ׳פערדינט נאך דערביי.. והשנית, האבען מיר דאך א דערוואקסענע טאכטער און אז מען האט א טאכטער, דארף מען אריינצונעהמען א סובלאקאטאר, אז מ׳האט א סובלאקאטאר דארף די טאכטער נישט לויפען אויף ראנדקעס. דארף נישט זוכען קיין פאווארזעניע. דארף נישט פערשווארצט ווערען אויף פייפען און אויף דאנסינגס, זי דארף נישט זוכען — זי האט דאך א פערטיגען בחור אין דער היים!...

האב איך געפאלגט מיין יודענע האב גערונגען א גרויסע דירה פון 4 שטובען מיט א קוך, מיט צוויי איינגענג, מיט אלע וויגאדעס, האב בעצאהלט פאר א יאהר ז׳גורי און מיין יודענע האט גענומען זוכען סובלאקאטארען, זי האט געשטעלט אין דער צייטונג אנאנסען מיט אזא אינהאלט:

„אפצוגעבען 2 עלעגאנטע מעבלירטע צימערען פאר צוויי אינטעליגענטע יונגעלייט ביי אניאינטעליגענטער פאמיליע“.

פון דאמאלט אן האב איך צו זינגען און צו זאגען. איך בין געווארען אוים בעל הבית אין מיין שטוב, איך בין א לאקיי, א סטרוזש, א דינער. א שקלאף. בעלי הבתים זענען זיי, מיינע סובלאקאטארען. נישט איך: גאנצע טעג שיטען זיך בחורים. יונגע און אלטע. יעדען מוז איך אויסרעכענען די מעלות, פון דער וואוינונג. אז זי איז „סלאנעטשני“, טרוקען ווי א ביין. נישט קיין „קרעמפאיאנצע ווענטשע“. די „וויגודקע“ אונטער דער נאז... אז אינגאנצען הויז איז נישטא קיין ראדיא. אז מיין טאכטער שפילט נישט קיין קלאוויר. אז מיין ווייב איז א שטילע טויב. אז די „קאמפיעלובקע“ איז „טשינגע“. דאס אלץ דערצעהל איך. הגם ס׳איז אלץ גראד קאפויר. נישט ס׳איז טרוקען. א גאנצע נאכט גרימפלען די ראדיאס. נאר משוגע צו ווערען, מיין טאכטער „טשוויטשעט“ זיך אויפן קלאוויר, גרילצט עס אין די אויערען, די „קאמפיעלובקע“ איז „אויף פויץ“..

נו, פערשטעהט איהר דאך שוין, אז די סובלאקאטארען „כאוועו“ זיך נישט ביי מיר. יעדער וואוינט אפ א חודש און געהט פליטה. יעדען חודש האב איך אנדערע פנימער. יעדען חודש קומט אנ׳אנדער נפש מיט זיין „באגאזש“, וואס בעשטעהט פון: א קישען, א קאלדרע, א טשיינוק, א פודלע פון א קאפעלוש. א טשעמאדאן און א פאר ביכלעך. ווי ער קומט נאר איבער דער שוועל, הייבט ער אן קלינגען אויפן גלעקעל:

— וואסער צום וואשען.

— א גלאז טעה.

— איבערציהען ס׳בעטגעוואנד.

— די דראטען פון מאטראץ קריכען ארויס, עס שטעכט איהם.

— אריינדרעהען א זשארובקע. ער קאן נישט זיצען אין דער פינסטער.

אין מיטען נאכט קריכט ער ארום אין קארידאר. ס׳האט זיך איהם אויסגעדאכט אז ס׳האט אים א ביס־געטון... די צווייטע נאכט כאפט איהם אין בויך, געהט ער אין דער פינסטער זוכען די „וויגודקע“, קריכט ער אזוי לאנג ביז ער פערקריכט זיך אין דער „סיפיאלניע“ אריין, זעהט מיין ווייב אין מיטען נאכט „א ווייסען מענש“ מאכט זי א געוואלד און פאלט אוועק און חלשות.

וואלטען זיי זיך כאטש געהאלטען ביי מיר וואלט נאך געוועזן האלבע צרות, וואלטען זיי זיך „אסוואיעט“, וואלט מען זיך צו זיי צוגעוואוינט, איז אבער די צרה, וואס נאך יעדען ערשטען, נעהמט ער ס׳קישען, די קאלדרע, דעם שעניק, די פודלע פון קאפעלוש, מיט דעם טשעמאדאן — והילך אנינו. ער קומט אוועק אהן א זייט געזונד.

האב איך טאקע יעדען חודש אנדערע פנימער. און וואס פאר אינטעליגענטען האב איך שוין נישט געהאט: מוזיק לעהרערס, ארטיסטען, פאעטען און סתם שלימזלען.

האב איך געהאט א מוזיק לעהרער האט ער אנגעגרימפעלט נאר משוגע צו ווערען.

האב איך געהאט ארטיסטען, האבען זיי אין מיטען נאכט געמאכט „פראבען“ האבען זיי אזוי לאנג „פראבירט“ ביז דער ווירט איז ארויפגעקומען מיטן סטרוזש, און האבען מיר געמאכט שווארץ שבת.

האב איך געהאט א פאעט, האט ער געשריבען אין בעט, געקריצעט פאפיראסען און אויסגעברענט לעבער אין בעטגעוואנט.

אבער דאס איז נאך נישט אלץ. גארנישט אקעגען מיינע היינטיגע סובלאקאטארען; איצט האב איך צוויי פערשוינען וואס פערקירצען מיט די יאהרען. איינער איז א דאקטאר און דער צווייטער — אנ׳אדוואקאט. ד.ה. דער דאקטאר איז נאך נישט קיין דאקטאר און דער אדוואקאט איז נאך נישט קיין אדוואקאט. זיי לעקסירען ערשט. דער ערשטער לעקסירט אויף דאקטאריי און דער אנדערער — אויף אדוואקאריי. זיי האבען שוין געענדיגט. נאר איצט זוכען זיי פראקטיק. איז די ערשטע „פראקטיק“ נעהמען זיי ביי מיר. ביי מיין ווייב, ביי מיין טאכטער. ביי דער דינסט, און ביי וועמען ס׳לאזט זיך.

דער אדוואקאט דרעהט זיך ארום גאנצע טעג אין שטוב און רעדט. רעדט פאר פייער און וואסער. רעדט צו דער וואנד. צו דער שאנק. צום שפיגעל. צום שרייב־טיש. נישט ווי נישט ווען, שטעלט ער זיך אוועק און האלט א רעדע, פערטיידיגט זיין קליענט. מאכט ער אזעלכע געוואלדען. אז אלע שכנים לויפען זיך צוזאמען אויף זיינע בייזע וואונדער. אמאל בין איך זיין קליענט. אמאל מיין ווייב, און אמאל מיין טאכטער, אמאל די דינסט, רעדט מיט פאטאס, מיט היץ. צעקאכט זיך, שיט מיט פאראגראפען. און איך מוז דאס אלץ אויסהערען, ווארום ...ווארום ער איז דאך מיין סובלאקאטאר! ווען איך וואלט נישט געוואוסט אז דאס זענען זיינע אדוואקאטען - ווייען, וואלט איך איהם זיכער אוועקגעשיקט קיין קאכאנובקע“...

און דער דאקטאר? פון איהם האב איך גאר גערענטע צרות. היות ווי ער האט נישט קיין פראקטיק, האט ער זיך גענומען „פראקטיצירען“ אויף מיר און אויף מיין הויז־געזונד:

ווי נאר ער האט זיך אריינגעצויגען האט ער גענומען זוכען ביי מיר א קרענק, באלד אויפן צווייטען טאג פרעגט ער מיך:

— ווי אלט זענט איהר?

— עטליכע און פופציג יאהר — האב איך איהם געענטפערט.

— עטליכע און פופציג יאהר? אין דער עלטער דארפט איהר זיך לאזען „זבאדען“, איהר מוזט שוין עפעס האבען א קרענק.

— ווי פאלט איהר אוים, פאניע דאקטאזשע? איך בין ב״ה געזונד ווי א נים, אהן מיין שאדען אייך געזאגט געווארען.

— דאס איז נישט מעגליך. עפעס מוזט איהר האבען; אביסעל קאלך. נירען, הארץ, סקלעראזע, — עפעס מוזט איהר האבען, דאס ערשטע דארפט איהר זיך לאזען מעסטען דעם בלוט־דרוק.

האט ער אזוי לאנג אין מיר אריינגערעדט ביז... ביז ער האט מיך אויסגעצויגען אויף דער קאנאפע און איינס, צוויי האט ער ביי מיר „געפינען“ א האלב טוץ קרענקען...

מיינט איהר אז בלויז אויף מיר „פראקטיצירט“ ער? ער האט מיין יודענע אויך גענומען אין דער ארבייט אריין. ער האלט ביי איהר אין איין זוכען קרענקען. און יעדען טאג „פאקט“ ער ביי איהר עפעס אנדערש.

טאמער האט ער נישט מיך און נישט מיין ווייב נעמט ער זיך צו מיינע טעכטער, ער האלט זיי אין איין „זבאדען“. איינע הייסט ער אינגאנצען נישט עסען. די צווייטע הייסט ער אויסשניידען די מאנדלען, די דריטע הייסט ער נעהמען זאלץ־בעדער, נאך איין מזל האבען מיר, וואס מיר הערען איהם ווי דעם קאטער, ווען נישט ווען מיר וואלטען טאקע אזוי געטון, ווי ער הייסט, וואלט געוועזן זעהר ביטער.

אי, פארוואס ציה איך מיך יעדען טאג אוים אויף דער קאנאפע און לאז מיך פון איהם קלאפען און הארכען? פארוואס לאזט מיין יודענע איהם זוכען ביי איהר קרענקען? פארוואס לאזען זיך מיינע טעכטער פון איהם „זבאדען“? דערפאר איז ער דאך א סובלאקאטאר. און פון א סובלאקאטאר מוז מען לײדען! ....

איהר הערט? ווען איך וואלט געוואוסט ווער עס האט אויסגעטראכט סובלאקאטארען, וואלט איך איהם געהייסען דערשיסען. און טאמער איז ער שוין טויט, זאל ער קיינמאל פון גהינום נישט ארויסקומען...

# ד״ר טעאדאר הערצל — זיינע סטודענטען־יאהרען

## אַנ׳אומבעקאַנט קאַפּיטעל פון דער לעבענס־געשיכטע פון פערשטאָרבענעם ציוניסטישען דענקער און פיהרער

### (צו זיין 75־טען געבוירען־טאג) • פון ראובן ברײַנין

ב.

אין פערלויף פון זיינע סטודענטישע יאָהרען האָט הערצל נאָך א פּאָר מאָל בעזוכט די אלטע סינאַ־גאָגע אויף דער שמאָלער און קרומער זייטענשטעט־טער געסעל, וואו דער דר. אהרן יעלינעק איז געווען פּרעדיגער, די דרשות פונם לעצטען נישט קוקענדיג אויף זיין אָראַטאָרישען קראַפט און אויף זייער אומ געוועהנליכער גייסטרייכקייט האָבען אויפן יונגען הערצל קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

שוין דאַן אלס סטודענט האָט הערצל געפיהלט דעם פּוסטען קלאַנג פון די באָמבּאַסטישע פראַזען וועגען דער יודישער „מיסיע" צווישען די פעלקער.

די פּאָעטישע נשמה הערצל׳ס וועמען עס זענען נישט פרעמד געווען די טיפערע געפיהלען — האָט נישט געקאָנט פערטראָגען די טרוקענע צערעמאָניעס און דעם גלייכגילטיגען גייסט וואָס האָבען געהערשט אין די יודישע טעמפּלען און סינאַגאָגען.

וועגען דעם איינדרוק וואָס הערצל אלס סטודענט האָט געמאַכט אויף זיין קרייז, דערציילט אונז דער אויסגעצייכענטער דייטש־ יודישער שריפטשטעלער י. י. דויד, אין זיינע ערינערונגען, איך וויל דאָ אי־בערגעבען דעם תמצית.

„עס איז נישט לייכט געווען צו פערגעסען טע־אָדאָר הערצלען ווען מען האָט איהם בעגעגענט. ווען אפילו נאָר צופעליג. זיין אויסזעהן איז געווען מערק ווירדיג וואונדערבאר, ווען ער איז נאָך געווען א סטו דענט פון ווינער אוניווערזיטעט האָט ער געמאַכט פונם ערשטען בליק, דעם איינדרוק פון אַנ׳אראַבי שען שייך. פון א בעדואינען פיהרער. דעם ערשטען מאָל האָב איך איהם בעגעגענט אין קאפע „אאולא" וואָס האָט זיך געפונען ביי דעם אלטען אוניווערזי טעט. ער איז געווען דייטש־נאַציאָנאַל ווי מעהרסטע טאַלאַנטירטע סטודענטען פון יענער צייט.

„עס זענען דאַן געווען שטורמדיגע טעג. זיי האָ־בען אונז געבראַכט געשעהענישען וועלכע האָבען בעגייסטערט די יוגענד, רעבּאַטען און שאַרפע טע־נער. עס איז נישט לייכט געווען פאַר א יונגען מענ שען צו פערנעהמען א חשובען פּלאַץ אין יענע קריי־זען און דערוואַרבען בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו זיין אייגענער מיינונג.

„טעאָדאָר הערצל איז געווען איינער פון די גליקליכסטע. וועמען דאָס האָט זיך געראָד איינגעגע בען. שוין דאַן האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון א פעסט־געשלאָסענער פּערזענליכקייט.

„אַלע אין אונזערע סטודענטישע קרייזען, האָבען געקענט הערצלען און זיך בעצויגען צו איהם מיט רע ספּעקט, הגם קיינער פון אונז איז נישט געווען אינ טים מיט איהם. ער האָט פלייסיג שטודירט. זיינע קענטנישען זענען געווען ברייט און פילזייטיג. ער האָט זעהר פיל געליענט, זיין ליטעראַרישער גע־שמאַק איז שוין אין זיינע סטודענטישע יאָהרען גע ווען הויך ענטוויקעלט ער איז געווען דער ערשטער צו אַנטדעקען דעם בעזונדערען ווערט פון געוויסע שרייבער.

„הערצל האָט אין די סטודענטען יאָהרען פיל גע ארבייט אויף זיין זעלבסט ערציהונג און פערפול־קאָמונג. זיינע ערשטע ליטעראַרישע עקספּערימענטען פלעגט ער קיינעם פון זיינע חברים נישט בעווייזען און נישט געבען זיי צום לייענען, ער האָט קיין זאַך נישט איבערגעגעבען צום דרוק איידער ער האָט עס נישט פולשטענדיג אויסגערייפט".

נאָך א וויכטיגער דאָקומענט וועגען די סטודענ טישע יאָהרען פון הערצלען זענען די מעמוארען פון דר. בערנהארד בעק. הויז דאָקטאָר ביי דער פאמיליע הערצל. וועלכער איז געשטאַנען אין נאָהענטע בע־ציהונגען מיט טעאָדאָרן.

ער שרייבט:

„אויסער זיינע וואונדערבארע גייסטיגע פעהיג־קייטען און ריטערליכע אייגענשאַפטען האָט זיך טע־אָדאָר הערצל אויסגעצייכענט מיט א בעזונדערער ליבע צו זיינע עלטערן, צו וועמען ער איז געווען אי־בערגעגעבען מיט לייב און זעל. מיט א רוהיגען גע־וויסען קען איך זאָגען אז עס איז נאָך נישט געווען א זוהן; וואָס האָט מעהר ליב געהאט זיינע עלטערען ווי הערצל, ווי עס זענען נישט געווען קיין עלטערען וועלכע האָבען ליב געהאט זייער קינד מעהר ווי זיינע עלטערען.

„מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו זיין אן „אויגען עדות" פון אַט דער געגענזייטיגער ליבע און פער־געטערונג.

„נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער האָט טעאָדאָר פערדאָפּעלט זיין צערטליכקייט און אויפמערקזאַמ־קייט צו דער מוטער, קיין וואונדער נישט. וואָס זיין מוטער איז געווען איבערגליקליך מיט איהר איינצי־גען זוהן...

„טעאָדאָר הערצל האָט זיך איבערגעקליבען מיט זיינע עלטערען פון בודאפּעשט קיין וויען אין 1878, גלייך נאָך דעם ווי עס איז געשטאָרבען זיין איינציגע ניינצעהן־יאָהריגע שוועסטער, וועלכע איז געווען אויבערגעוועהנליך שעהן און זעהר בעגאַבט. טעאָ־דאָר איז יענעם יאָהר אַנגעקומען אין ווינער אוני־ווערזיטעט.

„אין יענע טרויעריגע טעג פון הערצעלס פאמי־ליע, האָב איך זיי דערקאַנט אלס הויז־דאָקטאָר... טע אָדאָר איז גלייך געוואָרען מיין ליבלינג. און ווער האָט איהם נישט ליב געהאט? איך האָב איינגעלאַדען מיין יונגען פריינט, דאַרי (דאָס איז געווען דער ליב־לינגס נאָמען וואָס די עלטערען און איך מיט זיי, האָבען איהם גערופען). צו בעזוכען מיך אין מיין הויז אין די פרייע שטונדען.

„אין די ערשטע יאָהרען פון אונזער פריינד־שאַפט האָבען אונזערע געשפּרעכען בעריהרט ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט. דער יונגער סטו דענט פלעגט מיך איבערראַשען מיט זיין ברייטען וויסען און טיפער בעקאַנטשאַפט מיט דער דייטשער ליטעראַטור, בעזונדערס האָב איך איהם בעוואונ־דערט, ווייל איך האָב געוואוסט אז ער האָט געענ־דיגט גימנאַזיע אין דער אונגארישער הויפּט שטאָט.

„טעאָדאָר האָט ליב געהאט צו בעפּוצען זיינע געשפּרעכען מיט ציטאַטען און אפאָריזמען פון די קלאַסיקער און פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

„עס זענען אוועקגעגאַנגען א פּאָר יאָהר און די הויפּט טעמא פון אונזער געשפּרעך איז געוואָרען פּאָ ליטיק. פון יענע טעג אָן, ווען דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך אריינגעבראָכען, פון דייטשלאַנד, איבער אונגארן, קיין עסטרייך, האָט טעאָדאָר אָנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט אונזערע ראַסען פּראָבלע־מען.

„איין מאָל האָט זיך טעאָדאָר אָפּגערופען מיט שטאָלץ: „עס איז אוממעגליך פאַר אַנ׳אַנשטענדיגען מענשען צו דערטראָגען וואָס יעדער גראָבער יונג, יעדער אידיאָט, און יעדערער נידריגער נבזה, קוקט אויף אונז פון אויבען אראָפּ, בלויז דערפאַר ווייל ער איז נישט קיין יוד"!

„און וואָס זאָלען די יודען טון?" האָב איך גע־פרעגט טעאָדאָרן. „מיר זענען דאָך מאַכטלאָז אין פערגלייך מיט דער גרויסער מאַיאָריטעט פון אונזע רע שונאים, דער אנטיסעמיטיזם איז אָבער נאָר א פּלינדע קראַנקהייט, וואָס מוז פערשוואונדען ווי פיל אַנדערע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע קראַנקהייטען, ביז יענער צייט ווען פון אנטיסעמיטיזם וועט קיין שפּור נישט בלייבען בלייבט אונז נאָר איבער גערו־דיג צו ליידען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט".

„נאָר געדולדיג ליידען!" — האָט הערצל אויסגע רופען, און זיין געזיכט איז רויט געוואָרען פון אויף רעגונג, מען דאַרף זוכען און געפינען א ראַדיקאַלע רען מיטעל, מען מוז אויסוואָרצלען ביזן גרונט די שענדליכע פערפאָלגונגען אויף אונז!

„ווי זאָלען מיר דאָס מאַכען? מיר זענען דאָך מאַכטלאָז!" — האָב איך געזאָגט.

„הערצל האָט זיך אויפגערעגט: „וואָס? מאַכט־לאָז? ווען מען גיט אונז נישט קיין פולע גלייכבערעכ־טיגונג, ווען מען קוקט אויף אונז נישט ווי אויף גלייכע מענשען בלייבט אונז נישט איבער נאָר צו אַנערקענען אונזערע יודישע נאַציאָנאַליטעט, ווען מען קוקט אויף מיר נישט ווי אויף א גוטען און טרייען עסטרייך־אונגארישען בירגער — ביז איצט האָב איך גערעכענט עסטרייך־אונגארן אלס מיין פּאַ־טערלאַנד און איך בין געווען בערייט צו ברענגען יעדען קרבן — ווען זיי שטויסען מיך אָפּ, דאַן וויל איך זיין א נאַציאָנאַלער יוד מיט לייב און זעל".

„מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל האָב איך איהם געפרעגט: „זאָג נאָר, ליבער פריינט, ווי און וואו ווועסטו געפינען א טעטיגקייטס־פעלד פאַר דער יודי־שער נאַציאָנאַליטעט?"

„הערצל האָט פאַרטגעזעצט אין א בעגייסטער־טען טאָן: „עס בלייבט אונז, יודען, נאָר איין מיטעל: צוריקצוקעהרען זיך קיין ארץ ישראל! דאָרט איז אונ זער לאַנד און מוז זיין דאָס פאָטערלאַנד פון אונזע רע קינדער און קינדס־קינדער!"...

ווי טעאָדאָר הערצעלס ביאָגראַף, דערלויב איך מיר, אויף דעם סמך פון אָנגעזאַמעלטע ביאָגראַפישע מאַטעריאַלען, וואָס געפינען זיך אין מיינע הענט, צו בעהויפּטען אז דר. בעק האָט פערביטען אין זיינע מעמואַרען, די צייטען, דער לעצטער געשפּרעך מיט דר. בעק האָט געקענט זיין נאָר נאָך 1895) ווייל ביז דעם דרייפוס פּראָצעס איז הערצלען גאָר נישט איינ געפאַלען צו דענקען, אָדער פיהלען נאַציאָנאַל - ציוני־ניסטיש.

* * *

דער דראַמאַטורג, מאָדערנער קריטיקער און ע־סייאיסט, הערמאַן באַהר, דערציילט אין זיינע זכרו־נות וועגען הערצלען:

„עס שיינט מיר ווי דאָס וואָלט פּאַרגעקומען ערשט נעכטען, איך א לוסטיגער און פרייער סטודענט, שפּא ציר מיט א יונגען קאָלעגע, צוקומענדיג צו דער וואָל צייל צי גאָס האָבען מיר בעגעגענט א הויך געוואַק־סענעם בחור, א ברונעט, וואָס איז פערביינגאַנגען מיט שנעלע טריט, ווען ער האָט דערזעהען די בלויע

(ווייטער זעה 20־טע זייט)

# ר׳ נפתלי חיים

## זיין ערשטער מופת און זיין פטירה

### פון מנשה אונגער

— 7. —

אין ירושלים האָט ער געוואוינט אין דער אלטער שטאָט. נישט ווייט פון ר׳ ניסן באַק׳ס שוהל. די ער־שטע צייט האָט מען נישט געוואוסט פון איהם ווער ער איז, נאָר איינמאָל דערצעהלען די ירושלימער אַלטע, האָט ר׳ נפתלי חיים בעגעגענט א פרעמדען יודען אויף דער גאַס און האָט איהם אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „פאַרוואָס קויפט איהר נישט קיין לאָטעריע צעטעל פון דער מערקישער לאָטעריע?" — ווער זענט איהר? — האָט איהם דער יוד געפרעגט.

— וואָס איז דער חילוק ווער איך בין ? —האָט ר׳ נפתלי חיים געענטפערט — פאָלגט אמאָל אַנ׳־עצה פון א פרעמדען מענשען און קויפט א צעטעלע פון דער לאָטעריע, אָבער פערגעסט נישט, למען השם צו קויפען דעם נומער.. און דאָ האָט איהם ר נפתלי חיים געזאָגט וואָס פאַר א נומער ער זאָל קויפען.

דער יוד איז געווען א גרויסער אָרימאַן און ער איז דעמאָלט ארומגעגאַנגען זעהר פערצווייפעלט. ווייל די „חלוקה" איז געוואָרען וואָס אמאָל שוואַ־כער. איז ער אַזוי געגאַנגען פערטראַכט און האָט גע־קלערט וואו נעהמט מען אויף פּרנסה, און דאָ איז איהם פּלוצלונג אַקעגענגעקומען א פרעמדער מענש און זאָגט איהם ער זאָל קויפען א לאָטעריע־צעטעלע פאַר די לעצטע גראָשען האָט דער אָרימאַן געקויפט א שפּיל צעטעלע און ער האָט טאַקע געוואונען א גאָר גרויסע סומע און איז נאָך ביז היינטיגען טאָג א גרויסער עושר אין ירושלים.

דער יוד האָט שוין כסדר ארומגעזוכט איבער די ירושלימער גאַסען ר׳ נפתלי חיימען, ביז ער האָט איהם געטראָפען ביי דעם כותל מערבי, ער האָט אָנ געכאַפּט ר׳ נפתלי חיימען און איהם געפרעגט, וואָס ער בעט זיך אויס פאַר דעם מופת, וואָס ער האָט איהם בעוויזען, אָבער ר׳ נפתלי חיים האָט זיך גע־מאַכט כלא־ידע און האָט איהם געענטפערט, אז ער ווייס גאָרנישט וואָס דער יוד וויל פון איהם האָבען ווייל ער האָט איהם קיינמאָל קיין שום עצה נישט גע געבען.

אָבער באַלד האָט זיך דער מופת פערשפּרייט אין גאַנץ ירושלים און יודען וואָס זענען געקומען צו־פאָהרען פון צפת האָבען דערצעהלט אין דער שטאָט ווער ר׳ נפתלי חיים איז. זינט דעמאָלט איז ר׳ נפ־תלי חיים אָנגענומען געוואָרען אין גאַנץ ירושלים פאַר א גרויסען בעל מופת, און יודען און אַראַבער זענען געקומען צו איהם מיט איהם זיך געהאַלטען עצות, און אַזוי ווי ר׳ נפתלי חיים האָט זיי געזאָגט, אַזוי האָבען זיי תמיד געטון און זיי האָבען קיינמאָל קיין חרטה נישט געהאַט.

אַלטע ירושלימער יודען ווערען גאָר נישט מיד צו דערצעהלען די מופתים פון ר׳ נפתלי חיימען און זיינע אויסטערלישע דרכים. אַזוי דערצעהלט מען, אז ער האָט זיך געחברט מיט די קאַראַאימען וואָס האָ־בען געוואוינט אויף זיין גאַס, ער פלעגט אָפּט בעזו בען זייער גאָר אַלטע שוהל און א סך געשמועסט מיט דעם אלטען חכם זייערען, די יודען האָבען דער־פאַר אויף איהם געקוקט קרום, ווייל די קאַראַאימער זענען געווען פערדעכענט ביי די אלטע יודען פאַר גרויסע שונאים פון די „גמרא יודען" (די קאַראַאי־מער האַלטען נישט פונם תלמוד זיי גלויבען נאָר אין דער תורה שבכתב).

איינמאָל איז ווידער ר׳ נפתלי חיים׳ען איינגע־פאַלען און ער האָט זיך אָנגעטון אַנ׳אַראַבּישע פעסקע אויפן קאָפּ ארומגעוויקעלט מיט א טאַרבוש פון ווייסען לייוונט, וואָס עס מעגען נאָר געהן אָנגעטון די אַראַבער, וואָס זענען שוין געווען אין דער הייליגער שטאָט מעקא, איז ער אמאָל אַזוי געזעסען ביים כותל המערבי, און האָט געדאַווענט, זענען דורכ־געגאַנגען א פּאָר אַראַבער און זיי האָבען דערזעהען אז ביי דעם כותל זיצט א יוד אין אַנ׳אַראַבּישען טאַרבוש, האָט עס זיי זעהר שטאַרק פערדראָסען, און זיי האָבען איהם געוואָלט שלאָגען. אָבער ר׳ נפתלי חיים האָט צו די יודען וואָס זענען געווען ביים כותל המערבי, געזאָגט: „איהר וועט זעהען, אז דער עלטס טער פון די אַראַבער וועט נאָך היינט קומען מיך איבערבעטען!" און כך־הוה, דער שעיך פון די אַראַ־בער איז באַלד קראַנק געוואָרען, און אַזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט אז די אַראַבער פון זיין שבט האָבען זיך פערטשעפּעט מיט ר׳ נפתלי חיימען, האָט ער גלייך געשיקט א שליח איהם איבערבעטען. און דער שעיך איז דערנאָך באַלד געזונט געוואָרען.

אַזוינע מעשיות און מופתים ווערען דערצעהלט זעהר א סך אין דער אלטער שטאָט פון ירושלים.

ר׳ נפתלי חיים האָט אין ירושלים ארויסגעגעבען א ספר „מנחה חדשה". און אויך דאָ האָט ער א־רויסגעוויזען זיין אויסטערלישען דרך, אויפן שער גע שריבען אין א פאָרם פון א שיר, איז ער זיך מתנצל פאַרוואָס ער קאָן נישט אָנגעבען פון וועמען דאָס ספר איז געשריבען געוואָרען, ווער דער מחבר איז, און אויפן צווייטען עמוד רעכענט ער שוין אויס זיין גאַנצען יחוס (אגב האָט ר׳ נפתלי חיים אליין נעזאָגט בדרך הלצה, אז דערפאַר האָט ער דעם ספר א נאָמען געגעבען „מנחה חדשה", ווייל „מנה׳ה״ זענען די נוטריקון: „משוגענער נפתלי חיים האראָ־וויץ...")

ער האָט אויך דאָס ספר אריינגעשיקט צו א דזשי־קאָווער חסיד ר׳ איטשע לייזער פון קאַלבּאשאָוו, און האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל אריינפאָהרען קיין ראַפּשיץ און פאַרטאָג ווען קיינער וועט נישט זעהען, זאָל ער דאָס ספר אוועקלייגען אין ראַפּשיצער בית המדרש. דער חסיד האָט אַזוי געטון אָבער אויפן שער איז געווען צוגעשריבען אז ר׳ נפתלי חיים האָט עס געשיקט א מתנה.

צום בעדויערען האָט א יוד אין ירושלים מבזה געווען זיין נאָמען. און אויסגענאַרט געלד אין זיין נאָ־מען, און דאָס האָט איהם אַזוי שטאַרק געקרענקט אז ער איז פון עגמת נפש קראַנק געוואָרען און איז נפטר געוואָרען.

די מעשה איז געווען אַזוי: אין ירושלים האָט ר׳ נפתלי חיים געוואוינט ביי א יוד ר׳ שלמה הירש שאַפּירא. דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט געזעהען אז ר׳ נפתלי חיים שרייבט אָפּט ארויס בריף אין דער וועלט אריין און הייסט געבען אָרימעלייט געלד — האָט דער דאָזיגער נפש אָנגעהויבען צו מאַכען מסחר מיט ר׳ נפתלי חיימס נאָמען. ער האָט זיך נישט בע־נוגענט מיט דעם געלד וואָס ר׳ נפתלי חיימס משפּחה האָט איהם געשיקט. כדי איהם אויסצוהאַלטען בכבוד מיט אַלע הצטרכותן. נאָר ער האָט אָנגעהויבען קליי בען געלד אין זיין נאָמען.

מיר איז נאָך געלונגען צו געפינען א געדרוקטען „כרוז" וואָס ער האָט ארויסגעשיקט קיין גאַליציען אז ער גרינדעט א חברה „חסד חיים" און א בית־המדרש, וועט מען לערנען טאָג און נאַכט. די חברה וועט אויך שרייבען א ספר תורה, און ווער עס וועט שיקען געלד פאַר דעם וועט ר׳ נפתלי חיים מתפּלל זיין". אויף דעם „כרוז" שטייט אויך אונטערגעשרי בען ר׳ נפתלי חיים׳ס נאָמען אָבער פערשטעהט זיך, אז ר׳ נפתלי חיים האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט גע וואוסט, און ר׳ שלמה צבי שאַפּירא, וואָס האָט זיך געחתמעט „גבאי ראשון" האָט דאָס גאַנצע געלד צוגענומען און ר׳ נפתלי חיים האָט אפילו נישט געוואוסט דערפון, אז מען קלייבט געלד אין גאַליציען פאַר זיינט וועגען, דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט אָבער נאָך ערגערע זאַכען אָפּגעטון. ער האָט נעמליך, א־רויסגעשריבען בריף אין ר׳ נפתלי חיימס נאָמען צו בעקאַנטע חסידישע נגידים און פון זיי פערלאַנגט געלד. ער האָט נאָכגעמאַכט ר׳ נפתלי חיימס סטיל, געזאָגט פערשידענע נביאותן און געפאָדערט געלד פאַר זיך. אַזא בריף האָט ער אויך ארויסגעשיקט צו א נגיד אין ניו יאָרק וועלכער לייענט זיך אַזוי:

„בעת איך בין אויפגעגאַנגען אין הימעל א־ריין צו דער „מתיבתא דרקיע" צו דער ישיבה של מעלה, האָב איך דאָרט געהערט א רעש גדול, אז דו וועסט חלילה אַראָפּפאַלען פון דיינע מדרגות, איך האָב מיך אָבער פאַרגעשטעלט פאַר א מליץ יושר פאַר דיר. שיק מיר דעריבער הונדערט טאָלער. כדי איך זאָל האָבען א מנוחת הנפש און כסדר זיין ביכולת אויף דיר ממליץ טוב צו זיין".

דער נוסח פון בריף איז טאַקע ר׳ נפתלי חיימס, נאָר מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס ר׳ נפתלי חיים פלעגט געוועהנליך שרייבען מען זאָל געבען דאָס געלד אַנ׳אָרימאַן, פון דער שטאָט, און דאָ שטעהט, אז מען זאָל דאָס געלד איהם אריינשיקען, דער גביר יאָרקער גביר האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט אין דעם און האָט די הונדערט טאָלער אוועקגעשיקט, נישט ווייסענדיג אז דער גאַנצער בריף איז געפעלשט, אז ר׳ שלמה הירש שאַפּירא האָט נאָכגעמאַכט ר׳ נפ־תלי חיימ׳ס סטיל, בעת דער תמימותדיגער ר׳ נפתלי חיים האָט דערפון אפילו די קלענסטע ידיעה נישט געהאַט.

דאָס אויסנאַרען געלד ביי יודען האָט אָנגעהאַל טען א לאַנגע צייט, אָבער ווי נאָר ר׳ נפתלי חיים האָט זיך דערפון דערוואוסט, אז ר׳ שלמה הירש נאַרט אויס פון מענשען געלד אין זיין נאָמען, האָט ער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען, און פון גרויס צער איז ער נאָך אין דעם זעלבען יאָהר, אום יום כפּור, תרנ״ה (1895) נפטר געוואָרען.

אין דעם זעלבען יאָהר פאַר ראש השנה האָט זיין ברודער, דער דזשיקאָווער רבּי בעקומען פון איהם א בריף, אין וועלכען עס איז געשטאַנען געשריבען: „הגיע זמני להפּטר מן העולם" (שוין געקומען מיין צייט אוועקצוגעהן פון דער וועלט), דער דאָזיגער בריף געפינט זיך נאָך ביזן היינטיגען טאָג אין דזשיקאָווער הויף.

און חסידים אין ירושלים דערצעהלען אז אין דעם לעצטען יאָהר פאַר זיין פּטירה האָט זיך ר׳ נפתלי חיים געקויפט א קרקע אויפן הר הזתים, האָט געלאָזט אויסהאַקען דעם קבר און יעדען טאָג פלעגט ער זיך אָנטון די תכריכים אריינלייגען זיך אין קבר און דאָרט מתפּלל זיין ביז נאָך האַלבען טאָג און יום כפּור פאַרנאַכט ווען די יודען זענען צו איהם אריינגעקומען האָבען זיי איהם געטראָפען ליגען א־ליין אויפן בעט נישט אין דעם קיטעל, נאָר אין די תכריכים.

דער „גבאי" ר׳ שלמה צבי שאַפּירא האָט נאָך געפּרובט ר׳ נפתלי חיים׳ם פּטירה ארויסשיקען בריף צו פערשידענע יודען און זיי שרייבען אז ר׳ נפתלי חיים האָט איהם פאַר דער פּטירה איבערגעגעבען אַלע סודות און כל׳ערליי סגולות און קמיעות, די יודען האָבען זיך אָבער, ווייזט אויס וויניג וואָס צוגע־הערט צו זיינע בריף.

ביז היינטיגען טאָג איז א מנהג אין ירושלים אז ערב יום כפּור געהען יודען ארויס בעזונדערס פון „גאַליצישען כולל" אויפן הר הזתים, און זענען מתפּלל אויף ר׳ נפתלי חיימ׳ם קבר און דערצעהלען זיך מעשיות וועגען די וואונדער פון דעם גרויסען צדיק, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערען קיין רבּי און איז געוואָרען א נביא... (סוף).

# קארל-יאנקעל

## פון די אדעסער דערצעהלונגען

### פון י. באבעל

ווען כ'בין נאך געווען א קינד איז אויף פערעסיפ געשטאנען די שמידעריי פון יונה ברוטמאן. דארט פלעגען זיך צוזאמענקלייבן פערד - הענדלער פורמאנעס פון לאסט וואגנס, — אין אדעס רופט מען זיי, בינדיוזשניקעס, — קצבים פון די שטעטישע שעכט־הייזער, די שמידעריי איז געשטאנען ביי דעם באלטער וועג, אויסקלויבענדיג דאס ארט פאר א בעאבאכטס פונקט האט מען געקאנט איבערכאפען די גוים וועלכע האבען געפיהרט אין שטאט אריין האבער און בעסאראבער וויין. יונה איז געווען א שרעקעוודיג קליין מענשעלע, נאר צו וויין איז ער געווען צוגעוואוינט, עס האט געלעבט אין איהם א נשמה פון אנ'אדעסער יוד.

אין מיינע צייטען האבען געוואקסען ביי איהם דריי זיהן. קיין בעסערע פון זייער טויבען־שטאק איז אין שטאט נישט געווען. די זיהן פונם שמיד פלעגען ארויסגעהן אויפן אלעקסאנדער מארק מיט א הונדערט פאר טויבען. פאר דער מלחמה האבען זיי אנגעהויבען פיהרען פאסט טויבען. דאס איז געווען א פאבריק פון פויגעל; זיי האבען פערנומען אזוי פיל ארט ווי די שמידעריי אליין. מען האט אפילו נישט געקאנט טרוימען איבערצושטייגען יונה'ס זיהן. דריי זענען זיי געוועזען. דער טאטע זייערער האט זיי געשטיגען ביז צום פאס. אויף דעם ברעג פון פערעסיפ האב איך דאס ערשטע מאל פערטראכט וועגען דער מעכטיגער קראפט, וואס לעבט אין דער נאטור. דריי אויסגעהארעוועטע בוהאיען, מיט רויטע פלייצעס און פיס, ווי לאפאטעס — זיי פלעגען אראפטראגען דעם דארינקען יונה אין וואסער, ווי מען טראגט א קינד. און דאך האט ער זיי געבורען. קיין אנדערער. קיין צווייפעל איז אין דעם ניט געווען דעם שמידס ווייב איז געווען פרום מיט א פאנאטישער פרומקייט. ביי איהר אין דער היים אין דעם וואלינער שטעטעל מיעדזשיבאזש, איז געבוירען געווארען דער חסידיזם. די אלטע פלעגט געהען אין שוהל אריין צוויי מאל א וואך. פרייטאג אויפדערנאכט און שבת אינדערפריה. די שוהל איז געווען א חסידישע און פסח פלעגט מען דארט טאנצען ביז צום ערשעפען, ווי די דערווישען. יונהס ווייב האט געצאהלט בייטראג די עמיסארען, וועלכע עס פלעגען ארויסשיקען אין די דרום גובערניעס די גאליציאנער צדיקים. דער שמיד האט זיך נישט געמישט אין די בעציהונגען פון זיין ווייב מיט גאט, נאך דער ארבייט איז ער זיך געגאנגען אין דעם נאהענטען שענקעל, לעבען שעכטהויז, און דארט, זורפענדיג דאס ביליגע רויטליכע וויין צוהערען וועגען וואס עס רעדען מענשען, וועגען פרייזען פון בהמות וועגען פאליטיק.

מיטן וואוקס און כוח זענען די זיהן אריינגעגראטען אין דער מאמען. צוויי פון זיי ווען זיי זענען אונטערגעוואקסען זענען אוועק צו די פארטיזאנען. דעם עלטערען האט מען דערהרגעט אונטער וואזניעסענסק; דער צווייטער ברוטמאן — סיעמיאן איז אריבער צו פרימאקאוון— אין דער דיוויזיע פון רויטען קאזאקענטום; מען האט איהם אויסגעוועלט אלס קאמאנדיר פון קאזאקען פולק און נאך דעם, ווען די דיוויזיע האט זיך ענטוויקעלט אין א קארפוס, איז ער געווארען קאמעדיוו*) פון איהם אן, און נאך פון עטליכע קליינשטעטלדיגע יונגעלייט האט זיך אנגעהויבען די דאזיגע אנגעזעהענע, צוליב איהר אונערוווארטקייט און מאלערישקייט, דאס מין יודישע קריגער, רייטער און פארטיזאנען.

דער דריטער זוהן איז געבליבען שמיד ב'ירושה. ער האט געארבייט אין די אקער - ווארשטאטען ביי העז, אויף די אלטע איינגעפיהרטע ערטער. ער האט נישט חתונה געהאט און קיינעם נישט געבוירען.

סיעמיאנס קינדער האבען געוואנדערט מיט זיין דיוויזיע. די אלטע האט געדארפט אנ'איניקעל, וועלכען זי וואלט געקאנט דערצעהלען פון בעל־שם. אויף דעם איניקעל האט זי זיך דערוואַרט פון דער יונגסטער טאכטער פאליע. איינע אין דער משפחה איז דאס מיידעלע אריינגעגראטען אין קליינינקען יונה. זי איז געווען שרעקעוודיג, קורצזיכטיג, און מיט א צארטער הויט. עס האבען זיך צו איהר געשדכנט א סך, פאליע האט אויסגעוועהלט — אוועסי ביעלאצערקאווסקי, מיר האבען נישט פערשטאנען דעם דאזיגען וואהל. נאך וואונדערליכער איז געווען די ידיעה אז דאס פארפאלק לעבט גליקליך. די פרויען האבען זיך זייער ווירטשאפט: קיין זייטיגער זעהט נישט ווי עס ברעכען זיך די טעפ... נאר דא האט די טעפ צוברעכען אוועסי ביעלאצערקאווסקי. אין א יאהר נאך דער חתונה האט ער איינגעקלאגט אין גערעכט זיין שוויגער בראנע ברוטמאן... אויסנוצענדיג דעם אומשטאנד וואס אוועסי איז געווען אין א קאמאנדיראווקע און פאליע איז אוועק זיך היילען האט די אלטע ארויסגעגנבעט דאס נייע געבוירענע איניקעל, אפגעטראגען צום קליינעם מוהל נפתלי הערטשיק, און דארטען אין דער געגענוואַרט פון צעהן חורבות, צעהן אוראלטע יודען און בעטלערס, שטענדיגע זיצערס פון דער חסידישער שוהל, האט מען איבערן קינד אדורכגעפיהרט א ברית.

*) קאמאנדיר פון א דיוויזיע.

וועגען דעם דאזיגען נייעס האט אוועסי ביעלאצערקאווסקי זיך דערוואוסט ווען ער איז אהיימגעקומען, אוועסי איז געווען איינגעשריבען אלס קאנדידאט אין דער פארטיי... ער האט בעשלאסען זיך צו האלטען מיט דעם סעקרעטאר פון דער יאטשעיקע אין גאסטארג**) — ביהאטש.

,,מען האט דיך מאראליש בעפלעקט, — האט איהם געזאגט ביהאטש, — דו טארסט די זאך נישט אדורכלאזען...''

די אדעסער פראקוראטור האט בעשלאסען דעם פראצעס אוועקצושטעלען, ווי אנ'עפענטליכען גערירכט אין דער פאבריק אויפן נאמען פון פיעטראווסקי, דער קליינער מוהל, נפתלי הערטשיק און בראנע ברוטמאן 62 יאהר אלט האבען זיך געפונען אויף דער בעשולדיגונגס באנק,

נפתלי איז געווען אין אדעס פונקט אזא שטעטיש פערמעגען, ווי דער דענקמאל פון דעם דיוקא־דע־רישעליע.

איך געדענק ווי ער פלעגט אדורכגעהן לעבען אונזערע פענסטער אויף דאלניצקא גאס מיט אנ'אפגעריבענער, פערשמאלצעוועטער אקושערען טאש. אין די הענט. אין דער טאש האט ער געהאט זיינע פרימיטיווע אינסטרומענטען. ער פלעגט ארויסשלעפען פון איהר אדער א מעסערעל, אדער א פלעשעל בראנפען מיט א האניג־לעקעכל. ער האט א שמעק געטון צום לעקעכל פארן אויסטרינקען, און אויסטרינקענדיג געגומען דאווענען, ער איז געווען געל, נפתלי ווי דער 1טער געלער מענש אויף דער ערד, אפשנײדענדיג דאס וואס ער האט גערארפט, האט ער נישט אפגעצאפט דאס בלוט דורך א גלעזערנעם רערעל, נאר עס אויסגעזאגט מיט זיינע איבערגעדרייטע ליפען. דאס בלוט האט זיך צושמירט איבער זיין צושויבערטער בארד. צו די געסט פלעגט ער ארויסקומען בגלופין. זיינע בערישע אייגעלעך האבען געגלאנצט מיט עפעס א משוגענער פרייליכקייט, א געלער, ווי דער ערשטער געלער מענש אויף דער וועלט האט ער אונטערגעפאנפעט דעם קידוש איבער וויין. מיט איין האנט האט נפתלי אויסגעגאסען אין זיין פערוואקסענעם קרומען פייערדיגען מויל, בראנפען, אין דער צווייטער האנד האט ער געהאלטען א טעלער, אויפן טעלער איז געלעגען דאס מעסערל, מיטן קינדערישען בלוט, און א שטיקעל באנדאזש (מארליע). זאמלענדיג געלד איז נפתלי ארומגעגאנגען מיט דעם טעלערל צווישען די געסט; ער האט זיך געשטויסען צווישען די ווייבער, געפאלען אויף זיי, געכאפט זיי ביי די ברוסטען און געשריגען איבער דער גאנצער גאס.

**) אינסטיטוט פאר מלוכה־האנדעל אין ראטען פערבאנד.

,,מאמעלע, פעטע מאמעס, שטעלט־צו יונגעלעך נפתלי'ן, בעמיהט איך פארן געלען נפתלי, יונגעלעך, יונגעלעך, פעטענקע מאמעלעך...

די מענער האבען געווארפען געלד אויף זיין טעלער. די ווייבער האבען מיט סערוועטלעך געווישט דאס בלוט פון זיין באָרד. די גלוכע און האשפיטאלנע גאס האבען נפתלין נישט פערפיהרט. די הויפען האבען געזשומעט מיט קינדער. נפתלי האט זיך געשלעפט מיט זיין טאש ווי א שטייער - זאמלער. דער פראקוראר ארלאוו האט אפגעשטעלט נפתלין אין זיין אונענדליכען גאנג.

דער פראקוראר האט געדונערט פון דער קאטעדרע און געוואלט בעווייזען אז דער קליינער מוהל איז א דינער פון קולט, דאס בעוואקסענע ניסעל פון זיין קאפ האט זיך געפונען ערגעץ אונטען, ביי די פיס פון זיינע שומרים.

,,גלויבט איהר אין גאט?'' האט געפרעגט דער פראקוראר.

,,זאל אין גאט גלויבען דער, ווער עס האט געווינען די צוויי הונדערט טויזענט''. האט געענטפערט נפתלי.

,,עס האט איך נישט געוואונדערט, וואס די ביר גערין ברוטמאן איז געקומען צו איך שפעט אין דער נאכט, אין א רעגען, מיטן ניי־געבוירענעם קינד אויף די הענט? ''

,איך וואונדער זיך, ווען א מענש טוט עפעס מענשליכעס, ווען ער מאכט משוגענע שטיק, וואונדער איך מיך נישט'', ענטפערט נפתלי.

די דאזיגע ענטפערען בעפרידיגען נישט ז'עם פראקוראר, ער דריקט נפתלי'ן שטארק צו. עס רעדט זיך איצט וועגען דעם גלעזערנעם רעהרעל, דער פרא

(ווייטער זעה 20־טע זייט)

# סבות, פאלגען און היילמעטאדען

## (מעדיצינישע שמועסען וועגען סיפיליס)

### פון ד"ר ה. רוזשאנער

#### נערוועז-סיפיליס

דער סיפיליס פון צענטראלען נערוועז סיסטעם דארף איינגעטיילט ווערען אין צוויי קארדינאלע גרופען : איינע געהער אייגענטליך צום דריטען סטאדיום פון סיפיליס, ווי מיר האבען דערמאהנט אין סוף פון פריהערדיגען קאפיטעל, און זי נעהמט ארום די סיפיליטישע ענדערונגען אין די געפעסען און בינד־געוועבען, די צווייטע גרופע דאגעגען געהער צו די אזוי גערופענע מעטאסיפיליטישע ערקראנקונגען — טאבעס (סיפיליס פון רוקען־מארך) און פראגרעסיווען פאראליטש. די לעצטע פערנעהמען דעם סאמע קערן, דעם שורש פון צענטראלען נערוועז־סיסטעם, אין די לעצטע צוואנציג יאהר זענען אין באציל פון מעטאסיפילים פארגעקומען גרויסע ענדערונגען מ'האט אייגענטליך פריהער אויך שוין געוואוסט, אז די מעטאסיפיליטישע קראנקהייטען זענען ענג פערבונדען מיט סיפיליס. מען האט אבער נישט געוואוסט אז זיי אנטשטייען דירעקט דורך דעם סיפיליטישען באציל. דעריבער טאקע האט מען זיי א נאמען געגעבען מעטא־סיפילים. פורניער האט אבער איינגעפונען אז פון טויזענט קראנקע אויף טאבעס האבען 93 פראצענט פריהער געהאט סיפילים; פראפעסאר ערב פון דייטשלאנד האט פון 11 טויזענט קראנקע פעסטגעשטעלט ביי 90 פראצענט א פריהערדיגע סיפילים־קראנקהייט.

די פונאנדערטיילונג צווישען די צוויי גרופען, וועגען וועלכע מיר האבען אויבען דערמאהנט, האט זיך גענומען דערפון וואס בעת ביי די ערקראנקונגען פון דער ערשטער גרופע (גומאס פון נערוועז־סיסטעם) האבען געהאלפען יאד און קוועקזילבער. די דאזיגע רפואות האבען דא פשוט בעוויזען וואונדער, האבען די דאזיגע רפואות כמעט גארנישט געהאלפען ביי די קראנקהייטען פון דער צווייטער גרופע, ד.ה. ביי טאבעס און פראגרעסיווען פאראליזש.

אין יאהר 1913 האט נאקושי געמאכט אנ'איבעראשענדע ענטדעקונג: ער האט געפונען אין מארך פון פאראליטיקער צאהלרייכע ספיראכעטען. נאך איהם איז דאס אויך געלונגען אנדערע געלעהרטע. אויך אין רוקען - מארך פון טאבעס־ קראנקע האט מען ענטדעקט דעם סיפילים מיקראב. מ'קען דעריבער אנגעהמען אז טאבעס און פראגרעסיווער פאראליזש זענען אמת'ע סיפיליטישע ערקראנקונגען. דער דייטשער בעריהמטער געלעהרטער פראפ. שטיינער פון היידעלבערג רופט ער אן שארפזיניג : די מאמע (סיפילים) מיט איהרע צוויי טעכטער (טאבעס און פראגרעסיווער פאראליזש).

מען מוז אבער אנערקענען, אז די דאזיגע קראנקהייטען בעזיצען געוויסע ספעציפישע איינענשאפטען די אנטי־סיפיליטישע מיטלען, וועלכע זענען זעהר ווירקזאם אין אלע 3 סיפיליטישע סטאדיען, האבען דא, ווי שוין דערמאנט, א גאנץ קנאפע ווירקונג, די סיבה דערפון איז די, וואס די פריהערדיגע סטאדיומס אפילו ביי די דריטראנגיגע ענדערונגען פון נערוועז סיסטעם און דריטען סטאדיום, זענען די אלע ענדערונגען פערבונדען מיט די בלוט־געפעסען, און די היילמיטלען האבען דעריבער א ליכטען צוטריט צו זיי, אנדערש איז מיט די טאבעס און פראגרעסיווער פאראליטש. דא זענען די סיפיליטישע מיקראבען טיף פערפאנצערט אין נערוועז געוועב, און די רפואות קענען במילא צו זיי נישט צוקומען.

פאראן אויך א השערה אז דערפאר ווירקען נישט די אנטי־סיפיליטישע רפואות אויף די מעטא־סיפיליטישע קראנקהייטען ווייל עס זאל זיין א בעזונדער מין פון סיפיליטישען גיפט. דאס וואלט אפשר דערקלערט די סיבה הלמאי קינדער פון פאראליטיקער ווערען אפט קראנק שפעטער אויף פאראליזש. דאס וואלט אויך געמאכט פערשטענדליך דעם פאקט וואס מעהרערע קראנקע וואס האבען זיך אנגעשטעקט ביי דערזעלבער פערזאן (איין מין גיפט), ווערען שפעטער קראנק אויף דעם פראגרעסיווען פאראליזש. דאס אליץ איז אבער נאר, ווי געזאגט, א השערה. עס איז נישט וויסענשאפטליך פעסטגעשטעלט געווארען, עס איז ווארשיינליכער די פריהערדיגע בעהויפטונג, אז אין דריטען פעריאד בעזעצט זיך דער סיפילים גיפט ארום די בלוט־וועגען (ארטעריעס), וואס שפייזען די געהירען. דא אבער, דרינגט דער גיפט אריין אין דער טיף פון די געהירען־געוועבען גופא און מאכט דארט אן חורבות. דערפאר העלפען שוין דא נישט די געוועהנליכע אנטיסיפיליטישע מיטלען.

אין דער פערוויקעלטער פראגע, פארוואס ביי אייניגע פערגייט דער סיפילים גלאטיג און ביי א צווייטען קומט עס צו די געפעהרליכסטע נערוועזע פערוויקלונגען קען אריינברענגען א געוויסע אויפקלערונג א פאל, וועלכען ס'האט בעשריבען דער דייטשער געלעהרטער פראפ. ערב : דריי ברידער, דערציילט ערב, האבען איבערגעלעבט אזא שווערע מאראלישע אויפטרייסלונג ; צוויי זענען געווארען שטארק נעוורַאסטעניש. דער דריטער, וועלכער האט פריהער געהאט א סיפילים, בעקומט טאבעס. פראפ. ערב דערקלערט די מעטאסיפיליטישע ערקראנקונגען אויף אזא אופן: אמת, זאגט ער, זיי אנטשטייען אויף א סיפיליטישען באדען, אבער נאר דעמאלט ווען דער נערוועזען־סיסטעם איז אפגעשוואכט; אהן דער ערשיטערונג וואלט דער דערמאנטער חולה אפשר, אפילו האבענדיג סיפילים נישט קראנק געווארען אויף טאבעס.

אבער נישט נאר דער פאל פון ערב איז וויכטיג. אין געוויסע לענדער ווי טערקיי, געוויסע טיילען פון אפריקע, וואס געפונען זיך אונטערן איינפלוס פון די אראבער, איז דער סיפילים זעהר פערשפרייט, און דאך זענען די מעטאסיפיליטישע ערקראנקונגען (טאבעס און פראגרעסיווער פאראליטש) זעהר זעלטען. פארוואס איז דאס אזוי? דער אפריקאנישער נעגער, אדער שטארק געבוירטער טערק פערטראגען דעם סיפילים פונקט אזוי ווי א מענש מיט געזונטע לונגען פערהאלט זיך קעגען שווינדזוכט־באצילען. — די לעצטע רופען ארוים סוכאטעס נאר דעמאלט ווען די לונגען זענען אפגעשוואכט. דער הײנטוועלטיגער מאדערנער מענש בעזיצט אפט אנ'אפגעשוואכטען נערוועז־סיסטעם. דער קאמף פארן קיום איז אזוי שווער ער ווערט געפיהרט מיט אזויפיל אנשטרענגונגען, אז די נערוועז ווערען שטארק ערשעפט, ווען די סיפילים מיקראבען דרינגען אריין אין אזא אפגעשוואכטען ארגאניזם, קענען זיי לייכט ארויסרופען די אויבענדערמאהנטע קראנקהייטען. נאטירליך וואס פריהער די סיפילים קראנקהייט איז בעהאנדעלט געווארען, וואס ענערגישער, לענגער און ראציאנעלער די בעהאנדלונג איז געווען אליץ גרעסער זענען די אויסזיכטען, אז די דערמאהנטע געפעהרליכע סיפילים פאלגען וועלען נישט קומען. אבסאלוט זיכער קען מען דאך נישט זיין, עס איז דעריבער וויכטיג צו וויסען דעם אנהויב פון די דאזיגע צוויי קראנקהייטען. כדי נישט צו פערלירען די נאך גינסטיגע צייט און נישט דערלאזען די קראנקהייט צו ווערען רייף.

וואס שייך דעם פראגרעסיווען פאראליזש איז אפט דער אנהויב א גאנץ אומבעדייטענדער, דער ביז־איצט פולשטענדיג געזונטער מאן (וועגען אדורכגעמאכטען סיפילים האט ער שוין לאנג פערגעסען), ווערט איצט לייכט מיד, מוטלאז, גלייכגילטיג. אנ'אנדערש מאל נאר אומגעקעהרט — שטארק דערנערווירט. די קלענסטע אומבעדייטענדסטע סיבה פיהרט איהם ארום פון גלייכגעוויכט, ער פערנאכלעסיגט זיינע פליכטען אלס מאן און פאטער, אינטערעסירט זיך קנאפ מיט זיינע עסקים. אפטמאל בעמערקט מען ביי א גאנץ ריינעם מענש, אז ער וואשט זיך נישט, טוט זיך נישט איבער קיין וועש א.ד.ג. אויך פון עטישען שטאנדפונקט ווערט ער אפט שטארק פערענדערט. דאס כאראקטעריסטישע דערביי איז וואס ער אליין בעמערקט עס כלל נישט. די דאזיגע דערשיינונגען וועלכע זענען איבעראשענד און אונערווארטעט פאר סביבה, גייט אדורך אונבעמערקבאר פארן חולה גופא. וואס מעהר דער חולה איז אינטעליגענט, געבילדעט — אליץ מעהר ווארפט זיך אין די אויגען דער נייער אופן פון קראנקענס אויסזעהן און פערהאלטען זיך. שפעטער אנטשטייען ענדערונגען אין דער שפראך און ביי א גרינדליכער מעדיצינישער אונטערזוכונג א גאנצע ריי כאראקטעריסטישע סימפטאמען, ווי רעפלעקס און פופילען־ענדערונגען א.א.וו.

די וואסערמאן־ רעאקציע פאלט דא אוים זעהר אפט פאזיטיוו (אין בלוט און אין דער פליסיגקייט פון רוקען מארך). אבער נישט שטענדיג.

וואס שייך דעם רוקען מארך - שווינדזוכט (טאבעס) ערשיינט זיך די קראנקהייט נאך א סך לאנגזאמער. דער אנהויב ווערט אפט פערזעהן, נישט בעמערקט, די ערשטע צייט פיהלט זיך דער טאבעטיקער כמעט נישט געשטערט אין זיין בערוף. פערשידענע שטערונגען אדער שמערצען ווערען דורך דעם חולה,אפט מאל אפילו דורכן אונערפאהרענעם דאקטאר, נישט ריכטיג אפגעשאצט, די אפט איינטרעטענדע מענערשוועכע, ווערט געהיילט שאבלאניש מיט איינשפריצונגען, אדער עלעקטריזאציעס. מאגען שמערצען ווערען אנערקענט פאר נערוועז; מיט די שטערונגען ביים אורינירען לויפט מען צום אוראלאג, וועלכער שפריצט דורך און רייניגט די בלאז, רייסענדע ווייטאגען אין די פיס — נישט אנדערש ווי רעוומאטיזם א.א.וו. — אין דער אמתען זענען די אלע סימפטאמען נישט עפעס אנדערש ווי דער אנזאג פון דער ,,גוטער'' בשורה אז דער טאבעס איז דא.

עס איז זעהר וויכטיג צו וויסען, אז עס פאסירען אפט פאלען, אז ביי די טאבעטיקער זאל נישט נאר דאס בלוט, נאר אויך די רוקענמארך־פליסיגקייט אויספאלען אין אנהויב פולשטענדיג נעגאטיוו. מ'קען דעריבער זיך דא נישט פערלאזען בלויז אויף בלוט און רוקענמארך אנאליזען נאר א גענויע מעדיצינישע אונטערזוכונג פון גאנצען ארגאניזם, קען פעסטשטעלען מיט וואסערע קראנקהייט מ'האט דא צו טון. און וואס פריהער — אליץ בעסער.

ביים היילען די אזוי גערופענע מעטא־סיפיליטישע קראנקהייטען בענוצען מיר אמאפטעסטען דאס ארויסרופען קינסטליכען פיבער (מיט דער הילף פון מאלאריע), אויך מיט סאלווארסאן און אנדערע מיטלען וואס האבען דעם ציל צו פערגרעסערען די דורכדרינגליכקייט פון די הייטלעך, וואס בעדעקען דעם נערוועזן סיסטעם, כדי אויף אזא אופן צו דערמעגליכען אונזערע מעדיקאמענטען צוצוקומען צו די ספיראכעטען, וועלכע זענען אהן די דאזיגע מיטלען אפגעשלאסען און מ'קען צו זיי נישט צוקומען.

דער גורל פון די דאזיגע קראנקע איז זיכער א טרויעריגער, מחמת על פי רוב איז נישט מעגליך צו ריקצושטעלען אזא קראנקען אויפן נארמאלען וועג און מאכען פון איהם א מעהר־וויניגער פעהיגען מיטגליד פון דער געזעלשאפט. טאקע דערפאר איז נויטיג צו דערקענען וואס פריהער די דאזיגע קראנקהייטען, מחמת אין אנהויב איז נאך מעגליך אדורכצופיהרען א קוראציע, וואס האט פיל גרעסערע שאנסען געקרוינט צו ווערען מיט דערפאלג, ווי מיר טוען עס שפעטער, ווען די קראנקהייטען האבען שוין געמאכט פארטשריט.

## פיניעלע מזיק
### גיט לשון

צ'זעיט, יאטן, מאן אינטערניקיפט אויג? צ'ווייסט באַרזשביג פין וואנעט דום איז? דום איז פין ליגבוימער.

די וואָך ליגבוימער בין איעך מיט מאַנע יאַטן פין שמולן נעסל גיגאנגע אין קאַלעוואלד אראַן שימן מיט קאַליפּוויגינעם. מאַמער זיך מיטגינימע ברוית מיט פּיטער. מיט צפוריך, גירייכערטן העירינג — מאַט זיך גימאכט א נוער וואזשנעם ליגבוימער באַל.

פּליצלינג זענע אַנגיקימע א בעוורע שאַלעווס. זיי אַנע גישריגן: „זשידזשי דאַ פּלאַנעסטיני".

נו, מיינט עיז אוואדע, אז איעך אַב מיעך פּאַ זיי דיישראַקן? ?ז איעך אַב פּאַלוירן ס'ליימערן? קענט עמיז ניש פיניעלען: איעך אַב זיי גיוויזען אז איעך אַב זיי אין דר'עיערד, אזוי ווי זיי אַבן גישריגן זשידזשי דאַ פּלאַנעסטיני, אַב איעך זיי באַלעט גיענטפערט: „שובראקי דאַ אַבאַרז". אַבן זיי זעך אַמבראזשעט אין אַבן גיוואַלט ליגן לאַטעם. ני, אַב איעך זיי פּאַציילט די מאַנסע. צי מאַנע יאַטן אַב איעך א גישראַ גינעיבען:

— יאַטן ליגיז אוועק ס'ברוית מיטן צפוריך, מיטן גירייכערטן העירינג. טיז אָעם די מינאַרקעם אין נעמיז ענק צי די קיילים.

אַבן טאַקיש מאַנע יאַטן מיעך ניש פערפּאסט. איניז אַמע די שאַלעווס אזוי צעבאַרעשט, אז זיי עלן שוין מעיער ניש אַנהייבן מיט קאַ באַליטער יאַט. איעך אַב טאַקיש אַכעט גיבאַפּט געליפּטערט, זאַנע מיער טאַקיש אינטערניקיפּט אנ'אויג. א צווייטער יאַט אַט גיקריגן א קאַפּיע אין.. כוויל ניש זוגן ווי. סאיז אַבער וועיערט גיוועין.

יעיז אַב איעך פאַר ענק, יאַטן, א נאַיעם מאַקמאַטן: איעך גיי יעיז אַנגיניזירן א זימער קילאַניע פאַר באַליטער יאַטן. די ווילקער מאַכן אַכעט אזאַכינע קילאַניעם, אַבער דום איז נאַר פאַר די ווילקער פּענטאַקים. די ווילקער שעימין זיך דעך מיט אינדזערע באַליטער. ני גיי איעך מאַכן אנ'עקסטרע קילאַניע פּאַר באַליטער יאַטן. די קילאַניע עט זאַן אין ראַדינאַש באַן וואַסער, וועלכער יאַט סאַט ניש קאַ פעטים צין עסן, אַדער ס'שטאַכט עיעם אין א זאַט, אַדער עיער אַט א קאַקליש קאַן זעך פּאַשראַבן באַ מיער יעידן מוג, אַפן הויף פין אַלטשטעיטישן בעסמעדרעש.

א קלאַל יאַטן, גרייז ענק צי פורן אַף דער קילאַניע קאַ ראַדינאַש. דעוואַל אַציז מיער א גיטן שאַבים אין זאַציז מיער גיזינט.

### בײ א „פול משאַרני"

— איהר הערט, ווען מיין פרוי וואַלט מיך פערראַטען, וואַלט איך דעם אויסוואורף דערמאַרדעט.

— געהט שוין געהט — איהר וועט דאָך נישט ווע־ען קיין מאַסען־מערדער !..

## מזמור לפריהלינג ...
### פון גראַף קאַלי

ליבער פריהלינג, מיט דיין קומען,
ווער איך פרישער, ווער איך פרייער,
כאָטש איך ווייס דערוויייל אליין נישט
וואו איך פאָהר אויף דאַטשע היי־יאָהר..

פאָהרען דאַרף איך על פי יושר
גאָר קיין גדיניע, צי קיין שווידער,
ווי עס פּאַסט אַ גראַף אַ דיכטער
וואָס פערמאַגט א ים מיט... לידער.

און די קינדער דאַרף מען שיקען
גאָר בעזונדער מיט דער מאַמען
ווייל עס איז נישט היינט מאָדערנע
אלע זאָלען זיין צוזאַמען...

און בכלל... וואָס האָט א פּנים:
פויגעל זינגען... בוימער, בליטהען,
שעהנע מיידלעך... טיפע וועלדער
און אַנ'אייגען ווייב אין מיטען...

* * *

עס איז שוין דער ליכטיגער פריהלינג געקומען
עס שוועבען נאָר פינסטערע שאָטענס פערביי...
ווי וואויל איז צו דעם, וועלכער ווייס צו געניסען
דעם צויבער פון פריהלינג, די שעהנקייט פון מאַי.

אוי זוניגע טעג אין דעם יאָהר איז דאָ ווייניג
ס'איז ווייניג דער הימעל דאָ לויטער און קלאָהר...
א חכם איז דער וועלכער ווייס אויסצונוצען
איין - איינציגען ליכטיגען חודש אין יאָהר...

איין חודש מיט בלומען מיט וואלד און מיט שטילקייט
און לאָזען פון שטראַהלען זיך גלעטען דאָס לייב
איין חודש צו האָבען דעם ים פאַר א חבר
און נישט פאַר א חבר דאָס אייגענע ווייב...

דאָס איז דאָך דער זעכציגסטער טייל פון גן עדן
צו אפשר דער גאַנצער גן עד אליין...
און נאָר אזא דיכטער ווי איך א בעוויבטער
בין פעהיג דעם טיפען פּראָבלעם צו פערשטעהן...

## פּיטעל און טרייטעל

פיטעל: זאָג מיר, טרייטעל, וואָס איז אזוינס א קראַך?

טרייטעל: ווען עס פאַלט די וואַלוטע.

פיטעל: און פאַרוואָס רופט מען לאָדז — א „פּרך"?

טרייטעל: ווייל אין לאָדז פאַלט אייביג — א האַגעל פון פּראָטעסטען.

בעניעלע זאַלץ.

## מוזיק אין רעסטאָראן

גאַסט (צום קעלנער): פאַניע סטאַרשי, אייער אָרקעסטער שפּילט אַלץ, וואָס די געסט פערלאַנגען?

קעלנער: יאָ. פאַר א פערגיטיגונג.

גאַסט: דאָ האָט איהר 5 זלאָטעס זאָלען זיי איין שעה שפּילען א טעלעפאָן, א ברידזש, א פינאָקעל — ס'איז דאָך אונמעגליך צו עסען פון זייער גרימפּלען.

## שוין בעסער צו בעטען

פאַר דער אַלטשטאַטישער שוהל שטעהט א יונגער, געזונטער פאַרשויין און בעט נדבות.

איינער אנ'אדורכגעהער זאָגט צו איהם: — ס'איז א שאַנדע, אז אזא יונגער געזונטער מענש זאָל בעטען געלד.

— איך אַליין שעהם מיך אויך. נאָר וואָס זאָל איך טון, איך האָב אמאָל גענומען געלד אומגעבעטען, האָב איך בעקומען א יאָהר תפיסה.

## אין קינאָ

ער: פאַניע סאַלאָ, וואָלטען זי נישט געוואָלט, אז איהנס מאַמע זאָל ווערען א שווינער?

זי: יאָ, פאַרוואָס נישט? לידער האָב איך נישט קיין שוועסטער.

## אַנ'ענטפער אויף א הייראַטס־אַפּפערטע

דער אַלטער בחור פאַב—נט זוכט כסדר אין די אַנאָנסען הייראַטס־אַפּערטען פון יונגע מיידלעך. די טעג האָט ער געלייענט אין א צייטונג א הייראַטס־אָפּערטע, שרייבט ער דער אַנאָנס געבערין אזא ענטפער:

„לעזענדיג אין דער צייטונג אייער אָפּערטע, האָב איך מיך באַלד אָן אייך פערליבט איבער די אויערען, זייט אזוי גוט און שרייבט מיר תיכף ומיד צי איהר זענט א מאַנספּערשוין צי אַ נקבה, ווייל די צווייטע העלפט פון דער אַנאָנסע איז נישט געוואָ לעזבאַר.

מיט האָכאַכטונג פאַב—נט".

## דעם צוג פערשפּעטיגט
### אויפן וועג קיין קאָלומנע

בײדע, דער מאַן און די פרוי, האָבען זיך געאיילט צום צוג קיין קאָלומנע דינגען א דאַטשע, האָט זי זיך געמאַכט די טואַלעט, געשמירט און גע־פאַרבט, געפאַרבט און געשמירט.

קומענדיג צום צוג, זאָגט ער:

— זעהסט, קאַראַלטשע, ווען דו וואָלסט דיך נישט אזוי לאַנג אָנגעטון, וואָלטען מיר נישט פערשפּעטיגט דעם צוג.

— ווען דו וואָלסט זיך נישט אזוי געאיילט, וואָלט מען איצט נישט געדאַרפט וואַרטען אויפ'ן צווייטען צוג — האָט די פרוי געענטפערט.

---

הומאָר ● סאַטירע ●

# דער קונדס

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק ●

בײלאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 120 פרייטאַג, דעם 24 מאַי 1935

## „ער" רעדט וועגן שלום!...

# פאָליטיק פון דער וואָך.

אין בערלין האָט מען היינטיגע וואָך געהערט רעדען וועגען שלום. יעדעס מאָל ווען עס הויבט אָן אין דער וועלט צו שמעקען מיט פולווער און אָט. אָט דוכט זיך שיסט מען אויס פון אלע זייטען — וואַרפט דער „פיהרער" אין בערלין א „שלום באַמ־בע" אין דער וועלט אריין.

וואָס קומט אָבער ארויס, אז זיינע „שלום באַמ־בעס" רייסען נישט אויף, מען גלויבט איהם נישט.

מיר, „קונדס"־פּאָליטיקער גלויבען איהם יאָ, מיר גלויבען אז ער „וויל" שלום און מיר גלויבען אז ווי נאָר מען וועט איהם געבען א פּאָר קאָלאָניעס אין עק וועלט, ווי נאָר מען וועט איהם געבען א פּאָר שטיקער פון פוילישער ערד, ווי נאָר מען וועט איהם לאָזען אריינרייטען מיט זיינע חילות קיין פּאריז און ווי נאָר מען וועט איהם דערלויבען צו בעוואַרפען מיט באָמבעס לאָנדאָן — איז שוין שלום אויף דער וועלט.

דאָס גלויבען מיר איהם, דעם „פיהרער".

איהר גלויבט דאָס נישט? מיר גלויבען דאָס יאָ. מיר זעמיר שוין אזעלכע גלויביגע.

מיר בעגרייפען נאָר נישט פאר וואָס די וועלט גלויבט איהם נישט אין זיינע „שלום"־הבטחות.

א שלעכטע וועלט.

# די נייע רשימה שטייער צאָה־לער

## פארן יאָהר 1935

אין דער בית־החיים אָפּטיילונג ביי דער קהלה, קומט א בעאמטער פון פינאנץ אמט און בעט, מען זאָל איהם געבען אַן'אויסצוג פון די מתים.

— צו וואָס דאַרפט איהר דאָס? — פרעגט איהם דער קהלה בעאמטער.

— צונויפצושטעלען די נייע רשימה שטייער־צאָהלער פארן יאָהר 1935 — האָט דער שטייער־בע־אמטער געענטפערט.

דירעקטאָר גרעזער.

# ווען דער פּרעזעס פאָהרט קיין ארץ ישראל

## א „ריהרענדע געזעגנונגס - רעדע אין אַ היגען פעראיין

דער פּרעזעס פון א היגען פעראיין איז די טעג געפאָהרען קיין א"י, האָט די פערוואַלטונג איינ־געאָרדענט א געזעגנונגס־באַנקעט. איינער פון די פערוואַלטונגס - מיטגלידער האָט געהאַלטען א רעדע אין וועלכער ער האָט צווישען אנדערן געזאָגט:

... אונזער חשוב'ער פּרעזעס האָט דאָ ביי אונז אין לאַדז צום ערשטען מאָל געזעהן די ליכטיגע שיין. דאָ אין לאָדז איז זיין וויגעלע געשטאַנען, דאָ אין לאָדז איז ער אויסגעוואַקסען. דאָ אין לאָדז איז ער געגאַנגען אין חדר און דאָ האָט ער חתונה געהאַט. מיר האָבען דערום געהאַט רעכט צו פערלאַנגען, אז דאָ, אין לאָדז, זאָל ער אויך צו קבר ישראל קומען, לײדער איז עס אונז נישט בעשערט געווען — לחיים!

# עצות פון אַ געניטען קעלנער

## פאר זיינע שטאַם - געסט

אַנשטאָט טרינקען בראָנפען — זאַמעל דיר אָן א סומע אין דער פּ.ק.אָ. און אז ס'וועט זיך צוזאַמענ נעהמען א פּאַוואַזשנע סומע — פערטרינק זיי.

איהר דאַרפט געדענקען, אז אין בראשית האָט גאָט בעשאַפען די וועלט און אין דער צווייטער סדרה איז שוין לוט געווען שיכור.

נאָכן אויסטרינקען ס'ערשטע גלעזעל, טרינק באַלד נאָך דאָס צווייטע, דאָס דאַרפסטו טון כדי דעם ערשטען גלעזעל זאָל נישט זיין סמוטנע אליין אין מאָגען.

לעג קיינמאָל נישט אָפּ אויף מאָרגען דאָס, וואָס דו דאַרפסט טרינקען היינט.

קעלנער אבראַמעק.

# צער בעלי חיים

מאַן (צו דער פרוי): פייגעלע דאָס הוהן, וואָס איך עס איז געשאָכטען געוואָרען?

פרוי: וואָס פרעגסטו?

מאַן: א שאָד, ווען מ'וואָלט צוגעוואַרט א טאָג וואָלט ער אליין געשטאָרבען פון עלטער־שוואַכע.

# נאָר ער

## קאָן אין איהר עפּעס זעהען

חתן־בחור (צו דער כלה): מיין מיינונג איז, אז דו וואָלסט געדאַרפט נעהמען א חתן א דאָקטאָר רענטגענאָלאָג.

כלה: פאַרוואָס גראָד א דאָקטאָר רענטגענאָלאָג?

חתן: ווייל איך זעה גאָר נישט אין דיר — אפשר וועט ער עפּעס זעהען.

### געריגגיטים

— איהר ווייסט? מיין ווייבעל איז קראַנק אויף געריגגיטים.

— וואָס איז דאָס פאר א קרענק?

— יעדען טאָג זוכט זי אַנ'אַנדער קליידעל.

### אַ געלונגענע אָפּעראַציע

האָסט געהערט, אז מ'האָט מיין מאַן אויסגעשני־טען די שליפּע קישקע?

— נו?

— נו, איצט זעהט ער שוין בעסער.

### איינס פון די ביידע

גראף סאַלי זאָגט:

צו לעבען אין לאָדז פון ליטעראַטור, מוז מען האָבען: אָדער שלום אש'ס טאַלאַנט, אָדער אשר. סאָהנ'ס פאבריק.

# א דרשה פון אַ מגיד

— פון —

## ב. קאַזונער

אונזער שטעטעל האָט עטליכע מנינים יודען, א שוהל, א תלמוד תורה, א בית עולם, נאָר קיין פּר־נסה האָט עס נישט.

אַנ'אָרעם שטעטעל!

ווען א יוד האָט אמאָל אין א יובל, יאָ פּרנסה גלויבט ער אליין נישט; ער אליין וואונדערט זיך: „ווי קומט עס טאַקע אז איך זאָל האָבען פּרנסה?"

נעהמט ער אליין די זאַך אונטערזוכען זעהט ער אז ער האָט טאַקע געהאַט א טעות...

אָט אזא שטעטעל איז דאָס.

קומט זיך איינמאָל צופאָהרען אין אונזער שטע־טעל א מגיד. א שעהנער יוד מיט נאָך א שעהנערע באָרד און ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען שפּעטער — א קלוגער יוד.

בלייבט ער איבער שבת אין שטעטעל און עס בלייבט, אז ער זאָל שבת פאר מנחה האַלטען א דרשה וויזען וואָס ער קען.

איז ער צופרידען דער מגיד.

שבת, די שוהל איז פול געפּאַקט מיט יודען און ווייבער און ליטוואַקעס.

איך בין אויך דאָ.

איך ליב זעהר הערען גוטע מגידים; זיי האָבען אין זיך א סך הומאָר.

און הומאָר, ווי איהר ווייסט, איז מיין לעבען, מיין פּרנסה, מיין ברויט.

און אָט טוט זיך דער מגיד אָן א טלית מיט א זילבערנער עטרה, א היימישע יאַרמעלקע גוהט פּאמע לעך ארויף די עטליכע טרעפּ וואָס פיהרען צום בע־לעמער, יודען שפּיצען אָן די אויערען, עפענען די מיי לער, פערדרייסען די אויגען צום מגיד, עס ווערט שאַ, שטיל.

פלויז איין אַלטע יודענע אין א שאַל וואָס זיצט אויבען אין דער ווייבערישער שוהל, צווישען די ווייבער, וויינט שוין; זי האָט נעבעך נישט קיין צייט; מען וועט איהר פערלויפען דעם וועג..

דער מגיד הויבט אָן יללהריג:

„רבותי, רבותי! מען זאָגט מיר, אז אין אייער שטעטעל געהען אָן מחלוקתן: מען גלויבט נישט דעם רב, מען האָט פיינט דעם חזן, און מען האַסט דעם גבאי פון דער שוהל.

„וויל איך אייך זאָגען רבותי, אז פארן רב און פארן חזן וויל איך זיך נישט אָננעהמען; זיי קענען זייער שטעטעל אליין בעשטעהן... נאָר האָבען טענות צו זיי, דאַרפט איהר נישט; מחמת ווי זיי זאָגען מיר קריגען זיי ביי אייך סיי ווי קיין געהאַלט נישט.

„דאָס הייסט קריגען דאַרפען זיי יאָ, עס קומט זיי, נאָר זיי קריגען נישט. פרעגט זיך א פראַגע: אויב איהר צאָהלט זיי נישט קיין שכירות וואָס זיי קומט טאָ פאַרוואָס קומט זיי נאָך פיינט צו האָבען? וועט איהר דאָך מיר זאָגען אז דער רב קען נישט לערנען און דער חזן קען נישט זינגען; וועל איך אייך ענטפע רען אויף דעם, אז איהר זייט נישט די ערשטע, נישט די לעצטע, קהלה וואָס האָט אזא רב און אזא חזן; פאַראַן נאָך ערגערע, טויזענט מאָל ערגערע.

„נאָר דאָס וואָס איהר האָט פיינט דעם גבאי איי־ערען — אָט דאָס זעהט איהר, געפעלט מיר; דאָס איז א סימן אז איהר ווייסט וועמען פיינט צו האָבען; איהר האָט א חוש...

„אָבער רבותי, מיט פיינט האָבען דעם גבאי איי־ערען וועט איהר נאָך פון איהם נישט פּטור ווערען; א גבאי מוז מען ארונטערוואַרפען פון זיין מלוכה, פון זיין שטאָט אין מזרח וואַנט, און אויב ער האָט נישט קיין חשק צו געהן דאַרף מען אָנווענדען גע־וואַלד, דאָס הייסט פּשוט אָננעהמען איהם פארן קאָלנער און אראָפּוואַרפען איהם פון אלע טרעפּ, און טאָמער עפענט ער א מויל און נעהמט אייך דערפאר בעליידיגען זידעלט איהם צוריק און האַקט איהם אונטער די זייטען!

„זאָל ער וויסען דער גבאי, אז נישט ער האָט אייך אָנגעשטעלט, נאָר איהר האָט איהם אָנגע־שטעלט; איהר זייט שטאַרקער פאר איהם און דער שטאַרקערער איז אלע מאָל דער גערעכטער...

„יאָ, דאָס איז די היינטיגע מאָראַל, און זי גע־פעלט מיר, רבותי!

„און פאר שלאָגען דאַרף דאָס יודיש פאָלק נישט מורא האָבען.

„מיר שלאָגען שוין טויזענטער יאָהרען און טאָ אליין ווערען געשלאָגען.



# קורצער פרייטאָג און שבת הגדול

קורצער פרייטאָג: זאָגט מיר, פּאַניע שבת הגדול איך ליען כסדר אין דער צייטונג, „פענאָמען", פּע־נאָמען, וואָס איז דאָס אזוינס?

שבת הגדול: איך וועל דאָס אייך ערקלערען, אויב איהר וועט זעהען א סאַרדינקע א מעטער די לענג — איז דאָס נאָך נישט קיין פענאָמען: ס'קאָן אמאָל וואַקסען אזא סאַרדינקע. אויב דו וועסט הערען, אז די סאַרדינקע רעדט, איז דאָס נאָך נישט קיין פענאָ־מען, ווייל ס'איז אַלץ מעגליך. נאָר אויב דו וועסט זעהען, אז איך צאָהל א וועקסעלע — אָט אָ דאָס איז א פענאָמען — פערשטאַנען?

### א גוטער סימן

גאַסט (צום בעל הבית): איך פערשטעה, אז אייער פרוי מוז זיין זעהר א ריינע.

בעל הבית: פון וואַנען דרינגט איהר דאָס?

גאַסט: ווייל ס'גאַנצע עסען שפּירט מען פון זייף.

# א פּאַרציע גרעזעכץ

דער גרעזער פּאַמעראַנץ קומט אריין אין א באַר, פרעגט איהם דער קעלנער:

— וואָס בעשטעלט איהר?

דער גרעזער קוקט אדורך דעם מענו, און פרעגט דעם קעלנער:

— ווי הייסט דעם האָהנ'ס ווייב?

— א הוהן.

— און ווי הייסט דעם היהנ'ס קינד?

— קורטשאַק.

— און וואָס איז א קורטשאַק איידער ער ווערט געבוירען?

— אַנ'איי.

— טאָ גיט מיר צוויי אייער — האָט דער גרע־זער געזאָגט..

# אין פּאַרק

## שמועס צווישען יונגע בעל הביתלעך

— נו, פּאַניע דאַווידזשע, איהר געהט זיך טאַ־קע גט'ען מיט אייער פרוי? האָט אייער פרוי אייך נישט אמאָל פערראַטען?

— אמאָל וואָלט שוין גוט געווען.. נו, און איהר, פּאַניע הערמאַניע, איהר שיקט ערגעץ היי־יאָהר א־וועק אייער פרוי?

— דאָרט ווי שטענדיג.

— קיין טשעכאָטשינעק?

— ניין.

— נאָר וואו?

— צום טייוועל!

# אויף דער פּאָדזשעטשנע גאַס

## אין אַ קראָם פון אַלטע מלבושים

פּערקויפער: אין די הויזען וועט איהר אויסזעהן עלעגאַנט. זיי זענען שטאַרק ווי אייזען, איהר זיצט א סך?

קונה: צום „זיצען" בעקום איך אייביג א ספּע ציעלען גאַרניטור...

„פּורים שלאָגען מיר המן'ען; הושענא רבה שלאָ־גען מיר הושענות; יום כפּור — כפּרות און מלקות און מיר שלאָגען זיך „על חטא"; שמחת תורה שלאָ־גען מיר זיך איבער הקפות; שבת און יום טוב שלאָ־גען מיר זיך איבער עליות, און אין מאַרק שלאָגען מיר זיך איבער א קונה. איבער א לאָך פון א בייגעל; און אין פּאַמיליען־לעבען שלאָגט מען זיך מיט דער דעה: יאָ אַנטלויפען פון דער ווייב, אָדער נישט אַנטלויפען? און אויב מען בעשליסט נישט אַנטלויפען — שלאָגט מען זיך גלאַט אזוי אדורך די פּאָר יאָהר...

„דאָס געזעץ פון לעבען איז: אז דער שטאַרקערער רעגירט און בעהערשט און שלאָגט דעם שוואַ־כערען.

„דאָס איז רבותי א נאַטור געזעץ; דאָס קען נישט ווערען אָפּגעלייקענט.

„האָט איהר אמאָל געזעהען רבותי, ווי א פערד דרייט מיטן עק? שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס דרייט נישט דער עק מיטן פערד? איז דער תירוץ: ווייל דאָס פערד איז שטאַרקער פארן עק דרייט ער מיטן עק; וואָלט דער עק געווען שטאַרקער וואָלט ער נעדרייט מיטן פערד..

„דאָס געהט אויך אויף א הונט, אויף א קוה, און אנדערע בהמות און חיות; אלע דרייען זיי מיט די עקען, ווייל זיי זענען שטאַרקער פאר זייערע עקען.

„דאָס אייגענע רבותי, איז מיט אייך און אייער גבאי: ער איז נישט מעהר ווי דער עק פון דער שוהל מחמת איהר זייט די מאַיאָריטעט; איהר האָט גע־קלאָפט פאר איהם; איהר האָט איהם געוועהלט, און אויב ער דינט אייך נישט, אויב ער טוט אייך שאָרען אויב ער האַלט נישט זיין צוזאָג צו אייך, וואַרפט מען איהם ארונטער און מען ערוועהלט א בעסערען! און אויב איהר וועט עס טון, וועט מען אייך האַלטען פאר חכמים פאר קלוגע מענשען.

„איהר זייט דער פערד און ער, דער גבאי, איז דער עק.

„און אויב איהר וועט זיך נישט צואיילען וועט זיך נאָך חלילה, דאָס רעדעל איבערדרעהען... עס קען אמאָל טרעפען אז פון דער בהמה זאָל ווערען א ווידעל און פון ווידעל א בהמה. דאַמאָלט וועט דער ווידעל דרייען מיט דער בהמה, רבותי...

„די אונטערשטע שורה איז: אז איהר טאָרט נישט וואַרטען ביז דער וואונדער וועט געשעהן..

„דערווייל זייט איהר דער פערד און ער — דער ווידעל..."

דער מגיד האָט זיך אויסגעהוסט, א גלעט גע־טון די שעהנע באָרד, אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין הויכען שטערען און געענדיגט:

„איך ווייס, רבותי, איך ווייס, אז מיין היינטי־גע דרשה וועט מיר קיין גוטס נישט טון; דער גבאי אייערער וועט שוין זעהען אז איך זאָל פאר מיין דרשה א גראָשען נישט קריגען, אָבער איך קען זיך נישט העלפען; דער אמת שטעהט ביי מיר טויזענט מאָל העכער ווי געלט און פּרנסה און געזונט. איך דאַרף זיך אלע מאָל אָננעהמען די קריוודע פון די פערד, נישט פון זייערע ווידעלען..

„דאָס איז אַלץ רבותי, וואָס איך האָב אייך היינט צו זאָגען".

# מיט וועלכע חתנים

## טאָר אַ מערעל נישט חתונה האָבען?

מיט א מצבה־קריצער? ניין, ער קאָכט זיך נאָה אין שטיינער.

מיט א שאָפער? ניין, יעדע איז פאר איהם גוט, אבי א קורס.

מיט א לופט־פליהער? ניין, היינט איז ער דאָ, מאָרגען פליהט ער אוועק.

מיט א לעקיך־בעקער? ניין, זיין גאַנץ ביסעל זיסקייט, פּאַקט ער אריין אין לעקיך.

מיט א שניידער? ניין. ער נעמט לאַנג די מאָס, און צום סוף פערפּאַסט ער.

מיט אַנ'ארטיסט? ניין. ער ווייזט קיינמאָל נישט זיין ריכטיגען פּרצוף. אייביג איז ער גרימירט און מיינט קיינמאָל נישט אויף ריכטיג.

מיט א באָקסער? ניין. ער האָט א שוואַכקייט צו וואַרפען אויפ'ן דיוואַן — מענער.

— אלזאָ, מיט וועמען זאָל א מערעל חתונה האָבען?

— מיט קיינעם נישט. זי דאַרף בלייבען אַנ'אַל־טע מויד.

# 80 ער — 20 זי

## אַ שטילע טראַגעדיע ביי אַ היגען אַלטען גביר

דער אַלטער ר' יאָשע האָט חתונה געהאַט מיט א 20 יעהריגע שעהן ברונעט מערעל. נאָך דער חתונה זיצען ביידע אויף דער קאַנאַפּע. ער אין זײן עק, זי אין צווייטען עק, ער לייענט א צייטונג, זי — א בוך. פלוצים פרעגט ר' יאָשע זיין יונג ווייבעל:

— זאָשקעלע, וואָס לייענסטו?

— איך לייען, אז מענער האָבען ליב בלאָנדינ־קעס.

— טאַקע?

— יאָ, דאָ אין דעם בוך איז פּונקט אזוי ווי ביי אונז — האָט זי מיט א זיפץ געזאָגט.

— כ'פערשטעה נישט, דו ביזט דען א בלאָנדינ־קע?

— יאָ, איך בין אזא בלאָנדינקע, ווי דו ביזט א מאַנספּערשוין.

### סמוטנע געדאַנקען

פיניעלע וויינטרויב זאָגט אזוי:

— די שענסטע בלאָנדינע אָנדולירטע פרויען־האָהר, פערלירט דעם רייץ, ווען זי פאַלט אריין אין א קרופּניק.

### משהלע וויל זעהען דעם סוף

דער קליינער משהלע איז געווען מיטן טאַטען אויף א חתונה, נאָך דער מאַהלצייט זאָגט דער פאָ־טער צום קינד:

— משהלע, קום אהיים.

— טאַטעשי, האָט זיך משהלע געבעטען — לאָ־מער אביסעל צוואַרטען.

— אויף וואָס?

— ביז ס'קינד וועט געבוירען ווערען — האָט משהלע געבעטען.

# בלוט און פלייש

## שמועס ביי א היגען פּראָצענטניק

קליענט (צום פּראָצענטניק): זאָג מיר, פאַרוואָס נעהמסטו ביי מיר אזא גרויסען פּראָצענט? ראשית זענען דאָס פרימא זאַכען, והשנית בין איך דאָך דײ־נער א קרוב, דיין אייגען בלוט און פלייש.

פּראָצענטניק: ווי אזוי בין איך דיין בלוט און פלייש?

קליענט: ווייל דו זויגסט מיר מיין בלוט און עסט מיין פלייש.

בעניעלע זאַלץ.

# דינסטאָג — א זיצונג פון שטאָט־ראַט

## די פּרעזעסען פון די פראַקציעס האָבען ערקלעהרט, אַז זיי וועלען זיך בעמיהען, אַז די זיצונג זאָל אַדורכגעהן רוהיג

נאָך א גאַנצע רייה קאָנפערענצען, וועלכע דער רעגירונגס־קאָמיסאַר האָט אָפּגעהאַלטען מיט די פּרעזעסען פון די שטאָט־ראַט־פראַקציעס, איז צונויפּגערופען געוואָרען א זיצונג פון שטאָט־ראַט אויף דינסטאָג, דעם 28 מאַי. בעת די קאָנפערענצען האָבען די פראַקציע־פּרעזעסען אמת נישט רעזיגנירט פון לייענען דעקלאַראַציעס וועגען די געשעהענישען אויף דער פּלענאַר־זיצונגען פון 2 אַפּריל, דאָך האָבען זיי פערזיכערט, אַז זיי וועלען זיך בעמיהען, אַז די זיצונג זאָל אַדורכגעהן רוהיג. צוליב דער זעלבער סיבה איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די דעקלאַראַציעס זאָלען געלייענט ווערען צום סוף פון דער זיצונג ביים פונקט: אַנפראַגען, אינטערפּעלאַציעס און פאַרשלאַגען. די טאָג־אָרדנונג פון דער זיצונג איז פאָלגענדע: דער רעגירונגס־קאָמיסאַר וועט אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט פון מלוכה־פּרעזידענט נאָכ׳ן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, דאַן וועט בעעהרט ווערען דער אָנדענק פון מאַרשאַל. ס׳וועלען בעטראַכט ווערען א רייה בעשלוסען פון די שטאָט־ראַט־קאָמיסיעס און צום סוף וועט בעטראַכט ווערען די דריטע לעזונג פון שטאַטישען בודזשעט

# די גרויס אינדוסטריע רואינירט די לויהן אינדוסטריע

## נישט געזונדע קאָנקורענץ אין דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע

(אג) אין משך פון די לעצטע חדשים קען מען אין לאָדז אָבסערווירען א כאַראַקטעריסטישען און גלייכצייטיג זעהר נישט געוואונשענעם אַנטאַגאָניזם צווישען דער גרויסער און דער לויהן־טעקסטיל־אינדוסטריע. דער דאָזיגער אַנטאַגאָניזם בעמערקט זיך נישט נאָר אין דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, נאָר אויך אין דער געגענזייטיגער פערקלענערונג פון דער בעדייטונג, סיי פון איינער חי אויך פון דער צווייטער אינדוסטריע.

די גרויסע אינדוסטריע בעשולדיגט די לויהן־אינדוסטריע, אַז זי אַרבייט דעסטרוקטיוו צום שאַדען פון דער איבריגער אינדוסטריע. צוליב דעם, וואָס די גרויסע אינדוסטריע איז גוט אָרגאַניזירט און געפינט זיך אין א שטענדיגען קאָנטאַקט מיט אָפיציעלע און גזעלשאַפטליכע פאַקטאָרען, האָט בעוויזען צו ווירקען אויף די דאָזיגע פאַקטאָרען אין דער ריכטונג, אַז זיי זאָלען אַנערקענען די לויהן־אינדוסטריע פשוט אַלס א קראַנקהייט פון ווירטשאַפטליכען לעבען, וועלכע מען דאַרף באַזייטיגען. די פאָלגען דערפון האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר פאַטאַל, אַזוי למשל בעשטייערען די שטייער־אַמטען, נישט האָבענדיג קון צוטרוי צו די לויהן־אונטערנעהמונגען, צו גרויסע שטייער־אויסמעסטונגען, נישט נעהמענדיג אין אַכט זייערע בעווייזען. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס אונטער דער לאַסט פון די איבערטריבענע שטייער־אויסמעסטונגען ברעכען די לויהן־אונטערנעהמונגען פינאַנציעל צוזאַמען.

די גרויסע אינדוסטריע בעשולדיגט די לויהן־אינדוסטריע, אַז זי בעגינסטיגט די עקזיסטענץ פון דער אַנאָנימער אינדוסטריע, דאַגעגען די לויהן אינדוסטריע פערזיכערט, אַז די אַנאָנימע אינדוסטריע עקזיסטירט אין דער גאַנצער טעקסטיל־אינדוסטריע און דאָס איינציגע מיטעל זי צו בעקעמפען וואָלט געווען איינצופיהרען דעם פּעראיינהייטליכטע אינדוסטריע־שטייער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. געגען דער דאָזיגער רעפאָרם זאָגט זיך אָבער אַרויס די גרויסע אינדוסטריע, וועלכע האָט מורא, דאָס מיט׳ן איינפיהרען דעם פעראיינהייטליכטען אינדוסטריע־שטייער וועט פערשטאַרקט ווערען די לאַגע פון דער לויהן־אינדוסטריע און זי וועט ווערען א קאָנקורענץ פאַר דער גרויסער אינדוסטריע.

לויט דער מיינונג פון די פאַרשטעהער פון דער לויהן־אינדוסטריע איז די טאַקטיק פון דער גרויס־אינדוסטרי פאַרצושטעלען די לויהן־אינדוסטריע אַלס א דעסטרוקטיווען עלעמענט זעהר שעדליך פאַר דער גאַנצער טעקסטיל־אינדוסטריע.

# ווידער א סכסוך אין שלעסער׳ס מאַנופאַקטור

אין די וואַרשטאַטען פון שלעסערס־מאַנופאַקטור אין אָזאָרקאָוו האָט ווידער אויסגעבראָכען א סכסוך. אין דער דאָזיגער פירמע האָבען געאַרבייט 3 שיכטען צו 6 טעג א וואָך. איצט, צוליב מאַנגעל אין רויה־שטאָף האָט די פירמע בעשלאָסען צו רעדוצירען איין שיכט אין דער שפּינערייי ד. ה. 200 אַרבייטער. ווען די אַרבייטער האָבען זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָבען זיי אַרויסגעשיקט א דעלעגאַציע צום אַרבייטס־אינספעקטאָראַט און צו דעם פאַכטער פון די וואַרשטאַטען, ה׳ פּאָגעל.

דער ענין זאָל ערלעדיגט ווערען אויף דעם אופן, אַז די אַרבייטער זאָלען אַרבייטען נאָר 3—4 טאָג א וואָך, אָבער אַלע 3 שיכטען

—=—

# ווי זעהט עס אויס מיט אַרבייט אין טעקסטיל־אינדוסטרי

(א) לויט א בעריכט פון קרייז־פעראיין פון טעקסטיל־אינדוסטרי זענען אין דער וואָך פון׳ם 6 ביז׳ן 11 מאַי אין דער מיטעלער אינדוסטרי געווען בעשעפטיגט 80 פאַבריקען אין וועלכע עס האָבען געאַרבייט 9,407 אַרבייטער.

12 פאַבריקען זענען געווען נישט טעטיג. אין פערגלייך מיט דער פערגאַנגענער וואָך האָבען פערלוירען זייער בעשעפטיגונג 650 אַרבייטער.

# עקספּעדיטאָרען־פעראיין

## בעעהרט דעם אָנדענק פון יוזעף פּילסודסקי

אויף דער אויסעראָרדענטליכער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון עקספּעדיטאָרען־פעראיין אין לאָדז איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעעהרען דעם אָנדענק פון ערשטען מאַרשאַל פון פּוילען יוזעף פּילסודסקי דורך דריי מינוט שווייגען און עס איז אַסיגנירט געוואָרען 650 זל. אויפ׳ן הויז־דענקמאָל אויפ׳ן נאָמען פון מאַרשאַל פּילסודסקי אין לאָדז.

# גזימסען פאַלען

אויף פּיעטריקאָווער 97, אין הויז פון א. איגנאַטאָוויטש, האָט זיך אַראָפּגעריסען א גרויס שטיק גזימס און געטראָפען אין דער אַדורכגעהענדער 60־יעהריגער מאַריאַ קונקע (וואָולטשאַנסקאַ 166). די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט ערטיילט דער פערוואונדעטער קונקע די ערשטע הילף.

Dr. med. P. Braun
צוריקגעקעהרט פון פּאַריז
ספּעציאַליסט פאַר הויטצ און ווענערישע קראַנקה.
נעהמט אָן פון 8–1 און פון 4–8 אָוו.
Cegielniana 4, tel. 100-57.

קלאַנג־קינאָ־טעאַטער
Zachęta
זגערזשער 26
היינט און פאָלגענדע טעג!
גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם:
— I —
צי איז לוצינא א מעדעל
פרעהליכע קאָמעדיע. אין די הויפּטראָלען:
Jadwiga Smosarska, E. Bodo
— II —
S. O. S.
אייזבערג
אָנהייב 4 נ. מ. שבת און זונטאָג 12 בייטאָג

יודיש פאָלקס־טעאַטער, זגערזשער 17.
פּרעמיערע! נאָר 4 פאָרשטעלונגען פּרעמיערע!
לאַכען ביז טרעהרען! 15 נומ׳ געזאַנג! שלאָגער־קופּלעטן
מיט׳ן אָנטייל פון דער 12־יאָהריגער זינגענדיגער, טאַנצענדיגער לאה׳לע אַמזעל
היינט פרייטאָג. 9 אָוונט, שבת, 9 אָוונט, זונטאָג 4 נ״מ די קאָמישע אָפּערעטע
משה׳לע שגץ
אין 3 אַקטען פון סאַבאַל. אין דער הויפּטראָל משה׳לע־לאַלא אַמזעל.
מאָרגן שבת 4 נ״מ די בעליבטע פּיעסע אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טאַנץ
די מאַמע פון דער וועלט
אַרטיסטען־אַנסאַמבל: אַמזעל גענייא, אַמזעל לאַלא. ביאַלקאָוויטש חנה, טופּמאַן מרים, נערה רבקה, אַמזעל וואָלף, באַלבירסקי הערש, ביאַלקאָוויטש ישראל, טופּמאַן יהושע, אַריעל גרישאַ, נייהויז וואָלף. פערשטאַרקטער אָרקעסטער. בילעטען אין טעאַטער־קאַסע.

Doktór Z. Henrykowski
ספּעציאַל־אַרצט פאַר ווענערישע הויט־קראַנקהייטען און מענער־שוועכע
וואוינט יעצט
9 טראַוגוטאַ 9
טעל. 262-98
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 6—9 אָוונט
פאַר פרויען א ספּעצ. וואַרטע־זאַל

SUDOYN „Ap. Kowalski” usuwa POT i WOŃ Wystrzegać się naśladownictw.

# ר. אייזראַעל
# משומדים

## ראָמאַן פון היינטיגען יודישען לעבען! סענסאַצ. שפּאַנענדער

(22

— האָבען אפשר מיינע עלטערען אייך געשיקט אונטערצוהאַנדלען מיט מיר?

— ניין, וואָס פאַלט אייך איין? אייערע עלטערען ווייסען גאָרנישט וואו איהר געפינט זיך, נאָך וועניגער ווייסען זיי וועגען אונזער עקזיסטענץ איהר האָט זיי נישט וואָס חושד צו זיין.

— ווילט איהר אויסקויף־געלד פאַר מיר?

— מיר זענען נישט קיין באַנדיטען און פערשלעפּען נישט קיין מענשען, כדי דערנאָך צו פערלאַנגען פאַר זיי אויסקויף־געלד.

— וואָס דען פערלאַנגט איהר? צוליב וואָס האָט איהר מיך דאָ אַהערגעבראַכט.

— איך האָב שוין אָנגעהויבען צו דערצעהלען און איהר רייסט מיר איבער, ערלויבט און איך וועל אייך, דאָס אַלץ גענוי אויפקלערען, איך האָלט. אַז איהר וועט זיין צופרידען מיט דעם פאָרשלאַג וועלכען מיר וועלען אייך מאַכען.

אידא איז שוין איצט נישט געווען בייז, נישט איבערגעשראָקען נאָר פשוט נייגעריג, די דאַמע, וועלכע איז געשטאַנען אַקעגענאיבער איהר האָט, ווי עס שיינט, ספּעציעל געצויגען מיט איהר אויפקלערונג, כדי די שפּאַנונג זאָל זיין וואָס גרעסער און לדי אידא זאָל ווערען וואָס מעהר נייגיריג.

— איך וועל זיך מעהר נישט אָנרופען מיט קיין איין וואָרט, ביז איהר וועט מיר נישט אויפקלעהרען אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר.

— אַלזאָ, האָט פעלאַ אָנגעהויבען אַזוי ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו א לאַנגער ערצעהלונג, מיר האָבען אָבסערווירט אייער לעבען און אייערע לעצטע איבערלעבענישען. מיר האָבען געזעהען, אַז דורך אייער שנעלען בעשלוס, אָדער אפשר גאָר צוליב אייער גרויסער ליבע צו סטעפאַן קאַרטשינסקי, האָט איהר אומגליקליך געמאַכט און געפּייניגט עטליכע מענשען, קודם כל זיך אַליין, איהר זענט ענטלאָפען פון אייערע עלטערענס הויז, הגם אייער טאַטע־מאַמע זענען ביי אייך דאָס טייערסטע אויף דער וועלט, איהר האָט זיך געשמדט, הגם איהר זענט נישט געווען דערין איבערצייגט און די גאַנצע צערעמאָניע איז פאַר אייך אַן אָפּקומעניש...

אידא האָט פערביסען די ליפּען, כדי נישט צו ענטפערען און הערען ביז׳ן סוף, איהר האָט אַלץ אין דער וועלט געטון, געוואָרען אפילו נישט אַנשטענדיג. ווי מען איז דאָס אין דער בירגערליכער וועלט געוואוינט צו רופען. אַבי צו דערגרייכען אייער ציל, דאָך הייסט חתונה צו האָבען מיט קאַרטשינסקין. צום סוף האָט איהר זיך ענטוישט, פאַר סטעפאַנען זענט איהר איצט געוואָרען א שווערע לאַסט, פון וועלכער ער וואָלט געוואָלט וואָס שנעלער פטור ווערען. דאָס איז פאַר אייך א גרויסע ענטוישונג און איך פערשטעה, אַז איהר זענט אומגליקליך.

— איצט, האָט פעלאַ ווייטער גערעדט, זאָלען מיר געהען ווייטער, פאַר סטעפאַנען איז די דאָזיגע ליבע געווען אַן עקזאָטיש שפּיל, אונטערצוליבען זיך מיט א שעהנער „זשידובקא“ איז פאַר איהם דעם הויכען מלוכה־בעאַמטען, געווען זעהר אָריגינעל, אפשר האָט ער געהאַט מאָמענטען, אין וועלכע ער האָט אייך אויפריכטיג געליבט, אָבער קיין שטענדיג געפיהל איז עס דאָך זיכער נישט געווען, איינציגווייז האָבען אויך זיינע קאָלעגען אָנגעהויבען אויף איהם קרום צו קוקען וואָס ער שלעפּט זיך אומעטום אַרום מיט דער זשידובקא, און ער האָט בעשלאָסען איבערצורייסען מיט אייך, איך בין נישט קיין נבואה און ווייס נישט צי ער האָט שוין מיט אייך וועגען דעם גערעדט אָדער נישט. יעדענפאַלס איז קלאָר, אַז עס איז אַזוי, דעם בעסטען סימן האָט איהר, אַז ער האָט אייך שוין נישט געזאָגט וועגען דעם באַנקעט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין בעאַמטען־הויז. וואוהין ער איז שוין געגאַנגען אָהן אייך, מיר האָבען אייך, פריילין אידא, געוואָלט דערין איבערצייגען און דעריבער האָט אונזער שליח אייך בעשטעלט אויף 10 א זייגער אין אוונד אין בעאַמטען־הויז אַריין. איהר האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז דאָרט געווען און האָט זיך זעהר גוט געוויילט אָהן אייך.

— און אפשר מיינט איהר, האָט פעלאַ אַלץ ווייטער גערעדט, אַז סטעפאַן פּייניגט זיך נישט? האָט איהר א גרויסען טעות, ביז איהר וועט נישט איבערייסען צווישען זיך אָפיציעל, ביז איהר וועט איהם נישט בעפרייען וועט ער זיך אַלץ נישט גוט פיהלען, ווייל סוף כל סוף איז ער נישט קיין לאָבוז פון דער גאַס, און איצט וואָס איז נוגע אייערע עלטערען, דאַרף איך דאָך פאַר אייך נישט ערשט שילדערען די אונגעהויערע טראַגעדיע וועלכע זיי לעבען איבער, איהר קענט זיך פאָרשטעלען וויפיל יאָהרען לעבען און געזונד זיי קאָסט דאָס פערלירען מיט איין מאָל זייערע איינציג קינד, זייערע איינציגע טאָכטער, וועלכע איז נאָך מעהר ווי געשטאָרבען, ווייל זי האָט זיי אַזויפיל חרפּות און בושות אָנגעטון, איהר ווייסט אַז אַזא פאַל קען די דאָזיגע פרומע יודישע מענשען, אפילו דאָס לעבען קאָסטען.

אידאן האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, דאָס אַלץ וואָס די אומבעקאַנטע דאַמע האָט צו איהר גערעדט איז איהר טיף אַריינגעדרונגען אין האַרצען אַריין, זי האָט דערפיהלט, אַז אין דעם אַלעם ליגט א טיפער אמת, אַז זי דאַרף זיך דערויף פערטראַכטען.

— דאָס אַלץ איז וואויל און גוט, דאָס אַלץ קען זיין אמת אָדער נישט, האָט אידא געזאָגט, אָבער וואָס געהט דאָס אייך אַלץ אָן? ווי קומט איהר צו דעם אַלעם? וואָס האָט איהר דערמיט צו טון? און וואָס האָט דאָס אַלץ צו טון דערמיט וואָס איהר האָט מיך דאָ אַהערגעבראַכט?

— באַלד וועט איהר זיך אויך דאָס דערוויסען, איין מאָמענט געדולד און אַלץ וועט זיך אויפקלערען, אויב איך זאָג כסדר מיר איז דאָס א גרופּע מענשען, וועלכע געפינען זיך דאָ און האָבען זיך זייערע אינטערעסען. מיר וועלען פּרובען אייך אַרויסצוהעלפען פון דער קלעם. אין וועלכער איהר געפינט זיך איצט, דעריבער האָבען מיר אייך דאָ אַהערגעבראַכט, כדי איהר זאָלט זיין בעפרייט פון די אַרומיגע איינפלוסען און זאָלט קענען אין רוה און זיכערקייט אַלץ דעצידירען און בעשליסען.

— וואָס ווילט איהר פון מיר? זאָגט מיר וואָס ווילט איהר פון מיר?

— מיר פערשטעהען, אַז איהר קענט איצט נישט מיטאַמאָל צוריקקעהרען צו דער אומגעבונג, פון וועלכער איהר זענט ערשט נישט לאַנג אַרויס. מיר פערשטעהען, אַז דאָס וואָלט געווען זעהר שווער און נישט אָנגענעהם פאַר אייך, ווען איהר וואָלט אפילו געוואָלט איבעררייסען מיט סטעפאַנען און פערגעסען וועגען דער לעצטער איבערלעבניש און דעריבער האָבען מיר געוואָלט אייך אין דעם ענין העלפען.

— מיט וואָס? ווי אַזוי? דאָס איז שוין איבער מיינע כוחות, אַז איהר זאָלט מיך דאָ אַזוי פּייניגען, איך וועל אייך צום לעצטען מאָל פרעגען וואָס איהר ווילט פון מיר? וואָס האָט איהר צו טון מיט דעם גאַנצען ענין? איהר זענט דאָך א פרעמדער מענש, וואָס דאַרף נישט און האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישען אין די אינטימע ענינים פון אַנ־אַנדערען.

(פאָרטזעצונג קומט)

# ידען!

## קויפט און פערשפרייט דעם שקל!

**טרעט אריין איין די רייהען פון דער ארגאניזירטער מחנה וואס בויט ארץ-ישראל!**

**בעזארגט זיך מיט וואהל-רעכט צום 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס!**

## קויפט און פערשפרייט דעם שקל תרצ"ה!


# ערמארדעט די שוועסטער צוריק מיט 16 יאהר און שטעהט איצט פארן געריכט

## א לאנגע פערברעכערישע קאריערע פון א געוועזענעם „דרוזשניק"

(א) אין אנהויב פון 1919 האבען אין דארף פשילענק-דרוזשי, בזשעזשינער פאוויאט, געוואוינט אין שטיבעל פון באהן-דרוזשניק יוזעפא קוויאטיש, איהרע צוויי ברידער וולאדיסלאוו און סטאניסלאוו און שוועסטער העלענא. יוזעפא איז געוועזן דרוזשניטשקע נאך פאר דער מלחמה. צווישען יוזעפא'ן און וולאדיסלאוו'ן זענען אפט פארגעקומען קריגעריייען, וולאדיסלאוו האט געזאלט זיין דרוזשניק. איינמאל האט וולאדיסלאוו יוזעפא'ן שטארק צושלאגען. די לעצטע איז געגאנגען צום סאלטיס און געמאלדען אז וולאדיסלאוו האט איהר געדראהט, אז ער וועט זי דערהרג'ענען.

ביי וולאדיסלאוו'ן האט מען ווירקליך געפונען א ביקס און א רעוואלווער און דעריבער האט מען איהם ארעסטירט און אפגעשיקט אין ארעסט קיין יעזשעוו. ער האט זיך אבער אויף עפעס אנ'אופן ארויסבעקומען פון ארעסט, צוריקגעקומען א היים, אפגעווארט אויף דער גאס די שוועסטער יוזעפא און זי דערהרג'עט. נאכדעם איז ער געקומען אין שטוב אין דער היים און געמאלדען דעם ברודער סטאניסלאוו און שוועסטער העלענא, אז ער האט דערמארדעט יוזעפא'ן און פערלאנגט געלד, ער זאל קענען אנטלויפען.

פון דאן אן איז פון איהם קיין שפור נישט געווען.

אין מערץ 1934 האט מען אין ווילנע, ביים פארשען די פאפירען פון אנ'ארעסטאנט אין ווילנער טורמע, א געוויסען יאן סעלמאנאוויטש, האט מען פעסטגעשטעלט, אז דער דאזיגער סעלמאנאוויטש איז בעשטראפט געווארען אין פערשידענע צייטען פאר פערשידענע פערברעכענס און אונטער פערשידענע נעמען. אזוי א שטייגער איז ער בעשטראפט געווארען אין 1928 פאר א רויב-אנפאל און מארד אויף 8 יאהר טורמע אונטערן נאמען פון יוזעף בלאשטשיק.

אלס יאן סעלמאנאוויטש איז ער בעשטראפט געווארען פאר רויב און מארד מיט לעבענסלענגלי-כער טורמע.

אלס סטעפאן יאראש איז ער געמשפט געווארען פאר גנבה און ענדליך איז פעסטגעשטעלט געווארען אז סעלמאנאוויטש - בלאשטשיק - יאראש — איז גאר דער לאנג-געזוכטער דורך שטעק-בריף שוועסטער-מערדער וולאדיסלאוו קוויאטיש פון בזשעזשינער פאוויאט.

און נעכטען 16 יאהר נאכ'ן פערברעכען, איז קוויאטיש געשטאנען פאר'ן קרייז-געריכט אין לאדז.

ער איז זיך נישט מודה אין פערברעכען. די ארויסגערופענע עדות בעווייזען אבער, אז ער האט די שוועסטער ערמארדעט.

דער בעשולדיגטער האט געבעטען ארויסצורופען נאך עדות, וועלכע קענען בעווייזען זיין אליבי.

דאס געריכט האט בעשלאסען דעם עדות אויסצוהערען און דעריבער וועט דער פסק-דין ארויסגעטראגען ווערען ערשט דעם 28 מאי.

## אליין עקסמיטירט און בעקומען 8 חדשים טורמע

(א) יאן סאבאל (ווילענסקא 8) האט געהאט א סובלאקאטארקע, קאזשמירא בארדיניאק, וועלכע האט געוואוינט ביי איהם צוזאמען מיט א קליין טעכטערל. די בארדיניאק האט פערלוירען איהר פאסטען און איז געבליבען שולדיג פאר א פאר חדשים דירה-געלד. סאבאל האט נישט לאנג געטראכט און דעם 8 יאנואר האט ער ארויסגעווארפען אויף דער גאס די בארדיניאק מיט'ן קינד מיט אלע איהרע זאכען.

דאס שטעטישע געריכט האט נעכטען פערמשפט סאבאל'ן אויף 8 חדשים טורמע.

## שאנטאזשירט ביידע צדדים

(א) פראנציסעק דאבזשינסקי האט זיך צו-פעליג דערוויסט, אז אגניעשקא בזשעזשינסקא (קרוטשא 5) האט א געליבטען, און אז איהר מאן האט א געליבטע.

דאבזשינסקי האט בעשלאסען אויסצונוצען די דאזיגע סיטואציע. דער בזשעזשינסקא האט ער געזאגט, אז אויב זי וועט איהם נישט געבען 100 זל. וועט ער דערצעהלען איהר מאן, וועגען געליבטען. ער האט פון איהר בעקומען 50 זל.

צומארגענס האט ער זיך געווענדעט, צו בזשעזשינסקין און אויך איהם געמאלדען, אז אויב ער וועט איהם נישט בעצאהלען, וועט ער דער-צעהלען דער פרוי, אז ער האט א געליבטע. פון בזשעזשינסקין האט ער געוואלט 150 זל. בזשעזשינסקי האט זיך אבער נישט דערשראקען און איבערגעגעבען דעם שאנטאזשיסט דער פאליציי.

דאבזשינסקי האט בעקומען אין שטאטישען געריכט א יאהר מיט 3 חדשים טורמע.

# בעשולדיגט אין א רויב-אנפאל אין לאדז ארעסטירט געווארען אין בעלגיען

## נעכטען האט איהם דאס געריכט פריי-געשפראכען

נעכטען איז אין קרייז-געריכט פארגעקומען א זעהר אינטערעסאנטער פראצעס. אויף דער בעשולדיגונגס-באנק איז געזעסען דער 28-יעהריגער אנשעל גאלאמב, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין א רויב-אנפאל.

די געשיכטע איז פאלגענדע: דעם 30 מערץ 1929 איז פארגעקומען א רויב-אנפאל אויף דער וואוינונג פון מאיר לעווקאוויטש, זגערזשער 42. בעת דעם דאזיגען אנפאל איז צוגענומען געווארען ביי לעוו-קאוויטש'ן 13 טויזענד זל. מזומנים, וועקסלען און טשעקען.

אלס הויפט-שולדיגער אין דעם אנפאל איז דער-מאלט ארעסטירט געווארען א געוויסער אברהם מאשקאוויטש, וועלכער איז בשעתו פערמשפט גע-ווארען אויף 4 יאהר טורמע. בעת דער דעמאלדי-גער אויספארשונג האט מאשקאוויטש ערקלערט, אז דעם אנפאל האט אויסגעפיהרט א געוויסער אנשעל גאלאמב, וועלכער איז אבער שוין געהאט אנטלאפען פון לאדז. מ'האט נאך איהם ארויסגעשיקט שטעק-בריף און ענדליך האט מען זיך דערוואוסט, אז גא-לאמב געפינט זיך אין דער בעלגישער הויפט-שטאט בריסעל. נאך א אינטערווענץ פון דער פוילישער מאכט איז גאלאמב אין חודש אויגוסט ארעסטירט געווארען אין בריסעל, איז איבערגעשיקט געווארען אין לאדזער טורמע און נעכטען איז פארגעקומען זיין פראצעס.

אלס עדות איז ארויסגערופען געווארען די גאנ-צע פאמיליע לעווקאוויטש. אלע ווי איינער האבען אבער ערקלערט, אז זיי דערקענען נישט אין דעם אונבעקאנטען גאלאמב, אז ער זאל האבען בשעתו אנטייל גענומען אין דעם אנפאל ביי זיי אין דער וואוינונג.

ס'איז אויך אויסגעהערט געווארען אברהם מאשקאוויטש, וועלכער איז שוין אפגעזעסען די 4 יאהר טורמע, אויך ער האט געגעבען נישט קיין קלארע ערקלערונגען, נאך די רעדעס פון פראקוראר און די פערטיידיגער האט דאס געריכט גאלאמב'ן פרייגע-שפראכען.


רעפרעזענטאנץ-טעאטער
„ראזמאיטאשטשי"
ציגעל-גאס 27, טעל. 112-25.
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

לעצטע גאסטשפילען!
פון די אמעריקאנער געסט
סיידי שיינגאלד
— און —
סעם אויערבאך

לעצטע פרעמיערע! שפאנענדער אינהאלט! פרעכטיגע סצענעס!

אוונט-פרייזען פון 80 גר. ביז 2 זל. ערשטע רייה

פרייזען בייטאג אלע בילעטען אין פארטער 1 זל. ערשטע רייה

לעצטע פרעמיערע! ווידער נייעס! געזאנג און געלעכטער!

היינט פרייטאג, מארגען שבת 9·30 אוונט

דער גרעסטער סוקצעס פון די אמעריקאנער יודישע טעאטערס
נאכט=פייגעל
מעלאדראמא אין 3 אקטען מיט א עפילאג פון בן צבי.

מארגען שבת, בייטאג 4.30 אומבעדינגט צום לעצטען מאל אין דעם סעזאן
פרייזען: אלע בילעטען אין פארטער נאר 1 זל.
מאמע און געליבטע


# שטראף פאר פערהאלטען דעם אובעזפיעטשאלניע בייטראג, וועלכער איז די ארבייטער און אנגעשטעלטע אראפגערעכענט געווארען פון די לוינען

(א) לויט די נייע אדמיניסטראטיווע פארשריפ-טען ווערען בעשטראפט די ארבייטסגעבער פאר פערהאלטען דעם אובעזפיעטשאלניע-בייטראג, וועלכער ווערט אראפגערעכענט די אנגעשטעלטע און ארבייטער פון זייערע לוינען.

פאר'ן סטאראסטע געריכט איז נעכטען גע-שטאנען פאר אזא פערברעכען מיעטשיסלאוו רו-בינשטיין, לייטער פון דער פירמע אסקאר לענגע. רובינשטיין האט בעקומען א חודש אונ-בעדינגטען ארעסט.

# געזונדהייטס-אפטיילונג ביי דער שטאטישער פערוואלטונג איז זארג פאר דעם סאניטארען צושטאנד פון שטאט

לויט דער איניציאטיוו פון געזונדהייטס-אפ-טיילונג ביי דער שטאטישער פערוואלטונג זאל אינגיכען אונטערגענומען ווערען א ברייטע אקציע צו בעקעמפען די אנשטעקענדע קראנקהייטען. עס וועלען ארגאניזירט ווערען א רייהע „טעג" און „וואכען":

„אנטי-סוכאטעס טאג", „אנטי-טיפוס-טאג" א. ד. ג. אין די דאזיגע טעג וועלען ספעציעלע קאמיס-יעס קאנטראלירען דעם סאניטארען צושטאנד פון די הייזער, געוועלבער, דעם קוואליטעט פון די לעבענסמיטעל פראדוקטען און ד. ג. עס וועט געפיהרט ווערען א ברייטע פראפאגאנדע פאר דער דאזיגער אקציע.

## בערעק-יאסעלעוויטש-לעגיאן

אין משך פון זיין פינף יאהריגער טעטיגקייט האט דער בערעק-יאסעלעוויטש - לעגיאן ארויסגע-וויזען איהר עקזיסטענץ-בערעכטיגונג אויף דער יודישער גאס אין בעצוג צו דער ערציהונגס-פראגע.

דורך דער צייט, זענען פון לעגיאן ארויס-הונדערטער אבסאלווענטען, וועלכע האבען אויסער א מיליטערישע-אויסשולונג בעקומען א קולטורעלע ערציהונג הן אלס יודען, הן אלס בירגער.

און נישט קיין וואונדער, וואס אלע אבסאלווענ-טען, הגם זיי האבען שוין געענדיגט דעם צוויי-יעהריגען קורס, האלטען זיך ווייטער אין לעגיאן, און געשאפען ביים לעגיאן א רעזערווע, די לעצטע מאכען מיט אלע אויספלוגען פון לעגיאן, זיי בע-קומען ווייט-געהענדע הנחות (אפט בחנם'דיגע רייזעס) צו בעזיכטיגען די זעהענסווירדיגקייטען אין לאנד.

דער קורס איז ווי שוין דערמאנט, א צוויי-יאהריגער, דאביי געניסען די אבסאלווענטען פון פאלגענדע הנחות: א דריי חדשים'דיגע פערקירצונג אין מיליטער-דינסט (קורס רעקרוטסקי) אויסוואהל פון מין-געוועהר בעפרייאונג פון מיליטער-שטייער (פאר די, וואס ווערען אנערקענט אלס אומפעהיג) און א. וו.

איינשרייבונגען נעמט אן די קאנצעלאריע פון לעגיאן אליא קאשטשושקא 21, יעדען טאג פון 4—9 אוונד.

## ווייטערע איבונגען פון די פייערלעשער

(א) אין צוזאמענהאנג מיט די קורסען פאר אונטעראפיצירען פון פייערלעשער קומען פאר איבונגען פון די פייערלעשער-אפטיילונגען. נעכטען איז פארגעקומען אנ'אלארמירטער ארויספאהר אויף קאנסטאנטינער פאלעסיע, וואו עס זענען פאר-געקומען ספעציעלע רעטונגס-איבונגען מיט דער הילף פון זעק.

די איבונגען קומען פאר אונטער דער לייטונג פון קאמענדאנט אינזש. קאוואלטשיק.


Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15. טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונד.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזן

Dr. REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 201-93
ספעציאליסט
פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג
סעקסועלע בעראטונגען און פסיכא-אנאליזען
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—8 אוונד

Dr. med. H. LUBICZ
פאר הויט. ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8 אוונד
זונטאג פון 9—11 בייטאג און יום-טוב פון 9—1.
פאר דאמען — בעזונדערער ווארטע-זאל.

CASINO
היינט און פאלגענדע טעג!
די גאלד=זוכערינס
פרעכטיגסטע רעווי פון דער וועלט
מיט'ן אנטייל פון 200 גירלס.
אין אויסערן פראגראם:
פראגמענטען פון דער לויה
פון מארשאל
פילסודסקי
אנהויב 4 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 בייטאג.

# די יווא-אקאדעמיע אין פילהארמאניע

מיטוואך איז אין זאל פון פילהארמאניע פארגעקומען די אקאדעמיע לכבוד דעם 10־יעהריגען יובל פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט. די אקאדעמיע האט געעפענט אין נאמען פון דער געזעלשאפט פריינד פון יוו"א אין לאדז, ד"ר הערש־פינקעל, וועלכער לייגט פאר דעם עולם בעהערען מיט אויפשטיין דעם אנדענק פון פערשטארבענעם מארשאל יוזעף פילסודסקי. נאכדעם ווי עס ווערט אויך בעעהרט דער אנדענק פון דעם מיטגרינדער און מיטבויער פון יוו"א ד"ר צ. שאבאד, פון דעם פארזיצער פון דער לאדזער געזעלשאפט פריינד פון יוו"א לאזאר פוקס, בעקומט דאס ווארט דער מיטגליד פון דער יוו"א־עקזעקוטיווע זלמן רייזען, וועלכער שטעלט זיך אפ אויף די הויפט־מאמענטען, וואס האבען ארויסגעבראכט אזא אינציגארטיגע אינסטיטוציע ווי דער יוו"א איז.

רעד. י. אונגער רעפערירט דאן וועגען דעם יוו"א אלס צענטער פון דער יודישער קולטור,

יעקב לעשטשינסקי — וועגען די אויפגאבען פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין צוזאמענהאנג מיט דער ניי געשאפענער לאגע פון דער יודישער נאציאנאליטעט צווישען די ניי אויפגעקומענע מלוכות און וועגען דעם אלוועלטליכען צוזאמענפאחר פון יוו"א, וואס וועט פארקומען פון 17־טען ביז 22. אויגוסט אין ווילנע.

די אינטערעסאנטע רעפעראטען, וואס זענען פון דעם פערזאמעלטען עולם אויסגעהערט געווארען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, וועלען מיר נאך ברענגען גענויער.

שליסענדיג די אקאדעמיע האט דער וויצע־פארזיצער פון דער געז. פריינד פון יוו"א ל. לעווין אפעלירט צו די פערזאמעלטע אקטיווירען זיך פאר דער יוו"א־אקציע, וואס ווערט איצט דורכגעפיהרט אין לאדז, און מיט אלע מיטלען מיטווירקען, אז דאס יודישע לאדז זאל נישט בלייבען הינטערשטעליג ביי דעם וויטערדיגען פונאנדערבוי פון אונזער אלוועלטליכען צענטער פאר דער יודישער וויסענשאפט און קולטור.

דער עולם האט אויך מיט גרויס אינטערעס בעטראכט די יוו"א־אויסשטעלונג אין פאיע פון זאל. די מאנומענטאלע בענד פון די יוו"א־שריפטען, די פערשידענע אויסגאבעס, זשורנאלען, בראשורען, פאטאגראפישע אויפנאהמען האבען געגעבען א געוויסע פארשטעלונג וועגען דעם גרויסען פערנעהם פון דער ארבייט פון דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

# 200 פאסאזשירען אויף „גאפע" איין צוג

אניאויסערגעוועהנליכער פאל איז פערגאקטירט געווארען אין פיעטרקאוו. איין צוג, וועלכער איז געקומען פון קאמינסק זענען געקומען אהן ביילעטען 200 ארבייטער פון דער מעבעל פאבריק אין קאמינסק „וואיצעכאוו".

דעם גאנצען טראנספארט מיט פאסאזשירען האט מען פערהאלטען און צוגעצויגען צו פעראנטווארטליכקייט.

די ארבייטער האבען ערקלערט, אז זיי זענען געקומען צום סטאראסטא מיט א בקשה ער זאל אינטערוועניר{ע}ן אין דער פאבריק: די פאבריק שטעהט שוין א פאר וואכען און די ארבייטער האבען נישט קיין מיטלען צום לעבען.

דער סטאראסטא האט צוגעזאגט מיט דעם ענין זיך צו פעראינטערעסירען.

BANK HANDLOWY w ŁODZI
Spółka Akcyjna
Al. Tadeusza Kościuszki 15
ma jeszcze do wynajęcia SAFES
na dogodnych warunkach, poczynając od 4 złotych miesięcznie.
Spokojnie śpi — kto swe kosztowności przechowuje w safe'ie.

# פאר פאלש עדות זאגן 8 חדשים טורמע

דעם 25 יולי 1934 האט דאס שטאטישע געריכט, ציוויל־אפטיילונג, בעהאנדעלט א פערמעגענס פראצעס פון דעם פארפאלק אנטאניעוויטש געגען דעם פארפאלק ריבולסקי.

אלס עדות איז ארויסגעטרעטען מצד ריבולסקין א געוויסער קאראל וויענצקעוויטש און ערקלערט, אז אנטאניעוויטש האט אפגעטרעטען זיינע רעכט צו דעם פערמעגען ריבולסקיו פאר 8,000 זלאטיס.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די דאזיגע ערקלערונגען ענטשפרעכען נישט דעם אמת.

צוליב דעם איז וויענצקעוויטש צוגעצויגען געווארען צו פעראנטווארטליכקייט.

דאס שטאטישע געריכט האט פערמשפט דעם 33 יעהריגען קאראל וויענצקעוויטש פאר פאלש עדות זאגען אויף 8 חדשים טורמע.

די נייעסטע ביליצער הערען־ און דאמען־שטאפען עמפפעהלט
דאס טוך־ און קארט־לאגער
B^cia A. i R. MILGROM
front, I piętro. 36 PIOTRKOWSKA 36. Tel. 225-95,
ביליגע פרייזען! הורט — דעטייל!

# בעפאלען געווארען אין גאס

(א) אויף קעלמא 8 איז בעפאלען געווארען דורך אונבעקאנטע דער 30־יעהריגער סטאניסלאוו מארציניאק (קעלמא 10). דעם פערוואונדעטען האט ערטיילט הילף די פאגאטאוויע.

פאליציי זוכט די אנפאלער.

# זעלבסטמארד אויס נויט

אויף קילעצקא 5 האט געפרובט בעגעהען זעלבסטמארד די ארבייטסלאזע אנגיעשקא קוליק.

די סיבה פון זעלבסטמארד איז — נויט.

# אונטער די רעדער פון אנ'אויטא

